STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00817

LIDER

Jacob Isaac Segal

Permanent preservation of this book was made possible by
Julius M. Moore
in honor of
Eli & Sophie Moore

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פון י. י. סיגאל

ניו־יאָרק, 1926

Copyrighted by I. I. Segal, 1926

דיין אנדענקען, מיין טשאַרנעלע

אונטער קאַלטן הימל, אַזוי איינציק, אַזוי
איינציק, איז אַ ווייסער פייגל דורכגעפלויגן.
ווי דורך חלום ביזטו פון מיין אויג אַנטרונען.
אָ, מ י י ן פ אַ ר ל אָ ש ן ל י כ ט.

ציטערניש האָט מיך אַרומגענומען, ביטערניש
האָט מיך פאַרצערט. שטילע שיינקייט פון
דיין ריינקייט בלויט צו מיר פאַרטרערט.
אָ, מ י י ן פ אַ ר ל אָ ש ן ל י כ ט

ציל איך, ציל די מוטנע יאָרן מיינע. מיט
פאַרשטאַרטע ליפּן, מיט פאַרשטומטע אויגן.
איך וועל קומען, איך וועל קומען
קראַנק זיך לייגן נעבן דיר.
אָ, מ י י ן פ אַ ר ל אָ ש ן ל י כ ט.

I

אַוועקגעגאַנגען

אַלץ איז מיר אַוועקגעגאַנגען
ווי אַוועקגעשאָנקען.
בלינדע בליענדיקע צוזאָגן
אין מיין לעבן, אין מיינע ליבשאַפטן.
איך געדענק זיי:
זאַפטיקע בלעטלאַך גרינע.
יענער געשמאַקער פיין איז אַפּגעמעקט שוין פון די ליפּן
הערבסט מיט ברוינע ריחות,
הערבסט מיט קראַנקע הינטישע אויגן
גייט נאָך נאָך מיינע טריט אין וועג.
געטריי.
אַלט, קודלאַטע און שטיל.

שוין שפּעט.
איינגעבויגן, אוונטיק,
קלאַפּ איך אָן אָן טויער פון מיין הויף
מיט מיין אַלטן שטעקן:
עפנט מיר!

דער טויער איז אָפן —
איך גיי אַריין —
דער טויער מאַכט זיך צו.

איך צינד ניט אָן קיין ליכט אין מיין טונקעלן באַוואוין.
איך צי אַראָפּ פון זיך די קליידער בלינד,
און לייג זיך אויף מיין געלעגער:

אויפן וועג וואו איך גיי איינזאַם אַרום,
ניט ווייט פון מיין באַוואוין,
טרעף איך קיינעם ניט.

דאָרט ליגט דער הערבסט
ער ברענט און ברוינט אין שאַרפער קאַלטער זון,
לויטערקייט פון הימל
שמעקט פון דער ערד אַרוים.

אויפן וועג —
אַ ברוינער זאַמד,
אַ שמאָלע סטעשקע צווישן נאַכט
און נאַקעטן וואַלד.

איך ליג אויף מיין געלעגער.
אַלט. שטום. אַליין.
קליין איז די שעה
מיט געשענקטן שלאָף,
וואָס רוט אויף מיר.
און לאַנג און הויל
ווי וויסטער וועג,
מיין וואַרטן
אויפן בלויען שנירל פון פרימאָרגן
און די גרויסע פענסטער
פון מיין באַוואוין.

ניט קוקט מיר נאָך

איינציק.
מיט גרויליכקייט אין מיינע הענט
גיי איך אַרויס,
ניט קוקט מיר נאָך.

איך האָב געצונדן זיך אין אייער זון.
איך האָב געלאָשן זיך אין אייער נאַכט.
געבונדן זיך אין אייער עול.
געבראַכט מיין קרבן
און מיין קלאַג דערנאָך.
פאַרווינקלט און מיט מורא,
האָב איך געוואָלט פון אייך
און באַלד אין מיין חרטה זיך געלאָשן.
איך האָב אַרומגעקוקט מיין אָרימקייט:
מיין טיש, מיין בעט, מיין פענסטער אין דער וועלט אַרויס
האָב איך דאָס אויסגעבעטלט ביי אייך?
האָב איך אומזיסט גענומען עס?
האָט איר דאָס מיר געשענקט?
זאָגט מיר.

איך הער איר מאָנט מיר.
איר מאָנט מיר טאָג און נאַכט,
מיט קרומע אויגן און מיט כעס.
וואָס זאָל איך אייך געבן?
וואָס נעמט איר אָן פון מיר?

אינדערפרי.
אָפּטמאָל טרעפּט,

איך גיי אַרוים אויף אייער גרויסן מאַרק,
ס'איז פרי און גרין און שטיל
אין אייערע היימען וועקט די זון דאָס קליינוואַרג אויף
איר טראָגט פון מאַרק,
קאַנען מילך,
גרינצייגן און פריש געבעקס,
עם דערציט, דערשמעקט אַזויפיל דאָרף,
אַ קעלבל ביי אַ פלויט,
אַ פייגל אויף אַ גרינליכן געזימס,
אַ ווערימל קריכט דורך
דעם וועג
אויף דער צווייטער זייט...
איינציק, אין דעם ברייטן ליכט פונם פרימאָרגן

איינציק.
מיט גרויליכקייט אין מיינע הענט,
גיי איך אַוועק.
נים קוקט מיר נאָך.

אַרויסגעטריבן

הינטער מיין ווייסן זיידן
האָבן אָפּגעשטעלט זיך
זיבעציק פאַרבויטע שטאַרקע יאָר.
אַ גאַנצע שטאָט אַ יונגע
בליט.
אין זיין גאַנצקייט,
אין זיין שיינקייט,
אין זיין וואָר.

מיך, דעם אומעטיקן,
האָט מען אַרויסגעטריבן
פון זיין שטאַרקער רייכער שטאָט.
אַ וואָלקנדיקע יאָרן מיינע,
פינסטערן.
אָן גאָטס חסד און גענאָד
פויל צופאַלט מיין לעבן,
שפּין און שפּאָט.

מיך, דעם אומעטיקן,
האָט מען אַרויסגעטריבן,
נישט צו אומקערן צוריק,
נאָר צום זיידנס אוהל קום איך,
איין-אַליין.

אַ ליד

אָרום און אָרום מיר — אַ גאָלדענער בלענדיקער רינג,
און אינמיטן מיין וועלט איז שוין ווייסער ווינטער.
אַ שטיק פון מיין יוגנט רוישט אוים.
נאָר איך הער שוין דעם רויש ניט.
אַ שטיק פון מיין חלום בלענדט אוים,
נאָר איך זע שוין דעם בלענד ניט.

אָרום און אָרום מיר — אַ גאָלדענער בלענדיקער רינג,
און אינמיטן מיין וועלט איז שוין ווייסער ווינטער.
דער גאָלדענער רינג וועט צוגיין.
און אָרום און אָרום מיר — אַ זילבערנער רינג,
אָרום און אָרום — ווייסער קלאָרער ווינטער.

אָרום און אָרום מיר — אַ זילבערנער קאַלטער רינג,
און אינמיטן דעם רינג איז מיין קבר.

אין רו

עס ציטערט אין געמיט, אַ געצוימקייט פון מיין לעבן.
פאַרשאַרט אין שטאַרן שטויב די יאָרן מיט די בלאָנדע קרויזן
די בענקשאַפט איז אַן אַלטע מידע שאָף.
דער באַרג־אַרויף פאַרקלעטערט אין די קאַלטע הימלען.
הערבסט טרייסלט מיין ערד. דער מערב ברענט מיט ווילדע
ברעגן.

קומט ניט מערער, קומט ניט מערער.
פון יענער זייט וואַנט פאַרשטיקט אייערע גוטע בשורה׳ס.
אין גרינעם וואַלד וואו כ׳האָב געבלייבט און געקוועלט.
אין שיין פון מוטערפערלדיקע אָוונטן,
פלאַטערט אַ שמעטערלינג אויף שוואַרצע פינגער פון בוימער,
און שוואַרץ און רויביק איז דער וועג צו דאָרפישע היימען.

איך וועל זיך איינקלעמען אין מיינע שמאָלע אַקסל.
די הענט אויף מיינע קני, מיין קאָפּ — פריי,
וואָס איך האָב אויסגעפייניקט פון מיין גוף און זעל,
זאָל עס אויסזינגען אין טויבן עכאָ איבער מיין קאָפּ.

דעם שוים פון רויטער שכרות איז שוין אויף די שפינוועבסן
פון ווינט,
איך וועל רוען, רוען און זיך איינהערן:
מ׳קלאַפּט אין אַ פענסטער פון אַ היימישער שטוב.
פוניענער זייט וואַנט האָט אַ גוי צוגעפירט אַ פור האָלץ
און אויף דער פריזבע פון דער שטוב,
ליגט די קלאָרע וואַרימקייט פון ערשטן שניי.

ליכטיק

אין ברייטן פרייען וועג צו דיר
אַן אויסגעלייטערט ליכט גייט אויף
און ריין גייט אויף מיין האַרץ צו דיר
און פילט די וועלט פון סוף צו סוף.

און יענער טאָג ווען פינסטערניש
האָט איינגעטריפט אין מיין געמיט —
ער איז שוין ווייט און פרעמד פון מיר
קיין שאָטן ניט פון זיינע טריט.

און גאָר דאָס אויסגעדוכטע שלעכץ
הויבט-אָן זיך ווייזן פאַר מיר גוט.
אַראָפּגעוויינט פון האַרץ דאָס בליי,
דאָס ביטערע און בייזע בלוט.

מיט טיפער שטילקייט חלום איך
פאַר זיך אַליין דיין העל געשטאַלט.
מיין יונגע וועלט האָב איך פאַרברענט,
און רו אין דיינער שטיל און אַלט.

אַ ליד

אַ שטערן פון גאָלדענעם פייער,
אַן אַ זייט פון דער טונקעלער נאַכט
קוקט אין מיין ליידיקן שייער
וואָס שטייט אינדערפינסטער, פאַרמאַכט.

מיין ברויט האָט אַ היישריק צופרעסן
מיין מי ליגט פאַרוויסט אויפן פעלד.
און הערבסטיקע רעגנס באַוויינען
די ליידיקע זאַנגען אין פעלד.

העל איז מיין ברויט אויפגעגאַנגען
אין גאָלדענער זון זיך צושטראַלט
געדיכטע און פריידיקע זאַנגען —
אַ פעלד ווי — אַ גאָלדענער וואַלד.

אַ, שטערן פון גאָלדענעם פייער,
אַן אַ זייט פון דער טונקעלער נאַכט.
קוקסט אין מיין ליידיקן שייער
וואָס שטייט אַזוי פינסטער, פאַרמאַכט.

אין מיין וויסטעניש.

שטראָף האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די שוואַרצע הענט.
אויסגעשטשירעט אירע ווייסע קאַלטע ציין.
צופאַלן זיינען פון מיין וועלט די הילצערנע פיר ווענט.
און כבין געבליבן אין וויסטן דרויסן איינאַליין.
וויסטע, מדבר'דיקע ערד.
גרויער צווישן־טאָג־און־נאַכט.
ערגעץ הירזשען יונגע פערד,
ווייץ האָט מען פון פעלד געבראַכט.
און די טיר פון מיין שייער זוכט מען,
אין גרוי פון צווישן טאָג־און־נאַכט...

לאָזט דאָס ווייץ איבערן ווינט.
מיין שייער איז פאַרברענט שוין לאַנג.
מיין מיל — אַן אָרט פאַר אַלטע און פארוואַרלאָזטע הינט.
פגרן דאָרט מיאוס און קראַנק.

צום לאַמטערן־סלופ בינדט־צו
דאָס פערד און וואָגן איבער נאַכט.

ערגעץ בילן הינט.
טויט האָט מען צו מיר געבראַכט.

ביי מיין טיש

פון מיין מאַמעס טיש די אומעטיקייט,
פון מיין מאַמעס טיש די אָרימקייט,
האָב איך אַראָפּגענומען מיין קליינעם חלק,
צוטייל איך זיך מיט דיר.

און מיינע שוועסטער, מיינע ברידער,
איטלאַכער פון זיי,
האָט זיך זיין טייל גענומען,
אַלע וואוינען זיי אין אומעטיקע שטיבער,
און פאַרלוירענער אָרימקייט.

אונזער שטוב האָט ווייסע ווענט
אונזער לאָמפּ ברענט מיט ווייסן ליכט,
נאָר אַז מיר זעצן זיך ביים טיש אין אָוונט
שפרייט זיך אויס איבערן טיש
דער שאָטן פון מיין מאַמעס אָרימקייט,
דער אומעט פון מיין מאַמעס טיש.

נאָר אונזער שטוב האָט ווייסע ווענט
און אונזער לאָמפּ ברענט מיט ווייסן ליכט.

איז מיר שווער

איך הער זיך איין און הער זיך־צאַפּלענדיקן אומגליק
וואָס שרייט אין לעצטן בלוט פאַרשטיקט.
איך שטעל זיך איין און הער ווי דער טויט מעסט דורך
מיין ערד, און טוט אַ פּלאַטער אין זיין פינסטערניש
און טוט אַ שריי, און מאַכט אַ קרייז,
מיט זיינע קאַלטע פליגל.

נאָר אויפהויבן מיין לעבן
איבער אַלעמענס שלעכטס און בייז.
ווייס איך ניט ווי אַזוי.
איז מיר שווער,
איז מיר בלינד.

טויזנט אויגן האָט די רשעות פון אַ טראָפּן לופט
און טויזנט סמ׳ען אין די אויגן.
איבער דער שפּעט פון ניו־יאָרקער נעכט
טריפן מיינע בלייאיקע טריט מיד.
און ביז איך קום צום שוועל פון מיין בעט
איז שוין זאַמדיקער טאָג אין די פענסטער.
גרילצט מיר אין זין מיט טויט.

נאָר אויפהויבן מיין לעבן
איבער אַלעמענס שלעכטס און בייז,
ווייס איך ניט ווי אַזוי,
איז מיר שווער.
איז מיר בלינד.

באַשטראָל

באַשטראָל מיך מיט דיין ליכט און דיין גענאָד.
און וויש אָפּ פון מיר דעם שאָטן פון שלעכטס.
מיינע ליפּן ווילן קושן דעם אָפּשטראָל פון דיין פרייד,
וואָס באַהאַלטס און פאַרשטעלסט פון מיר.
איך בין פאַרהילט מיט בלינדן סוד פון אַלעמען.
אין געדעכעניש פון מיינע נאָענטסטע
איז מיין נאָמען שוין פאַרמעקט געוואָרן.
מען דערמאָנט מיך אינערגעץ ניט מיט פרייד,
און מפרעגט ניט וואו איך בין.

אַז פון אַלעמען בין איך אַזוי פאַרפרעמדט,
ווער נעענטער, ווער נעענטער צו מיר.
איך וואַרט, איך וואַרט,
ליגט און וויינט מיין בענקשאַפט נאָך דיר.
ביי מיין אָפענער טיר,
קום אין מיין הויז.
אין מיין פאַרשטויסן הויז.
זיי מיט מיר.

אָ, גוטער גאָט, דערוויטערטער,
דערווייטער זיך ניט מער פון מיר.

ווייס און רויט

דער ווייטיק רוט.
אַ ווייל איז ווייס און ער רוט.
ער וועקט זיך שוין. ער מאָנט.
אָן שולד די ווענט די ווייסע קוקן.
די פענסטער — צוגעמאַכט.

פון דער גאַס וועט קיינער מיך ניט רופן
נאָר די פּאָר נאָענטע,
איך פאַרבייט דאָך שוין מיט זיי קיין וואָרט ניט מיין.
וואָס דערנערן זיי אין מיין קראַנקן שלאָף.

דער ווייטיק רוט.
אַ ווייל איז ווייס און ער רוט.
קאַלט. דורך די קאַלטע פענסטער
קוקט מיין האַרץ אַרויס.
מ׳גייט, מ׳גייט.
מ׳גייט פאַרביי.

אָט קומען שוין די רויטע לאַנגע פּאַסן אָוונט-זון אויף מיינע ווענט,
ווי לייכטער מעשענע מיט אַנגעצונדענע ליכט.
און איך דערמאָן זיך: מאָנטרעאָל.
דורכן פאַרנאַכטיקן שנייאיקן פעלד,
גינגאָלד-רויטע פייגעלאַך שוועבן דורך.
גאָלדענע סטענגעס פון אומעטיקן געוויין ווייען.
מיר פאָרן צוריק.
פאַרויס — אַ שוואַרצער וואָגן.
און דריי פּאַיעטאָנען הינטער אים,
דער וואָגן יאָגט גיכער.
ווייס און בלוטיק פעלד.

מיין טויט

דו ווערסט קומען פון די וואַסערן,
וואו פרילינג לייטערט זיך.
דו ווערסט קומען פון די קאַלטע בערג,
וואו ווינטער גלוטיקט.
פול מיט טרויער און מיט רויער
בלויער גלויביקייט.
פול מיט פייערליכער
שטילער אייביקייט.
כ׳וועל אַ נאַקעטער, אַ פריידיקער
צו דיר אַרויסלויפן
ווי אַ אינגעלע אַ קליינס
אַנטקעגנלויפן:
וואו ביזטו געווען ?
און וואו האָסטו גענעכטיקט,
און וואו האָסטו געטאָגט,
און העל געליכטיקט ?
יעדע נאַכט בין איך,
אַן־אויסגעשטרעקטער
דיר אַנטקעגן געלעגן.
און יעדן טאָג אַרויסגעקוקט
דורך אַלע וועגן.
און געזוכט, געפרעגט
ביי אַלע וועגן.

אונזער באַוואוין

מיר האָבן געדונגען אַ הויז אין אַ זייטיקער גאַס.
אויפן בריקל פונפאָרנט פון הויז איז געשטאַנען די זון.
האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט נעבן אונזער הויז.
נייע מענטשן זיינען אונז נאָענט און היימליך געוואָרן.
און ווען אונזער קינד איז געבוירן־געוואָרן,
האָבן מיר אַ סעודה געמאַכט
און גערופן די שכנים,
און זיי האָבן געזונגען צו אונזער פרייד,
און זיי האָבן געפּרייט זיך אין אונזער יומטוב.

דאָס זיינען געווען אַזעלכע פרידלאַכע טעג.
אויף אונזער געמיט איז געשטאַנען די זון.
אונזער געמיט איז געווען אַזוי ליכטיק,
און אַרום אונז האָט געבליט אַזאַ לייכטקייט
אַזאַ גרינגקייט פון ערשטע טריט.
קינדערשע ערשטע טריט.

אונזער הויז איז קליין,
און אָרים איז אונזער באַשטאַנד.
נאָר אַז עס קומען אַמאָל אַ פּאָר פריינט
פאַרשפרייטסטו אַזוי ליכטיק דעם טיש,
וואַקסט אַזאַ ליבשאַפט אין שטוב,
און אונזערע הערצער ווערן פרום און ריין פאַר גאָט.

פאַרלאָרנקייט

מיט קיין זאַך האָסטו מיך אין נאָענטקייט ניט פאַרבונדן.
איך געדענק ווי טריב איך האָב מיין קינדהייט אָפּגעשפּילט
ביים שוועל פון פרעמדער שטוב, אַליין, ביז אונטערטונקל,
ווען מ׳האָט וויים פאַרשפּריים די טישן, לאָמפּן אָנגעצונדן.
בין איך פון פרעמדער שוועל,
שאָטנדיק, אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

אונזער אַלקיר איז געשטאַנען צוגעקייטלט אַ גאַנץ טאָג
אַ פולער פענסטער אומעט,
קליינע פליגן און פאַרלאָזנקייט.

אונזער אַלקיר איז געשטאַנען פינסטער
מיט אַ שמאָלן פענסטער
אין אַ גרויען הויף אַריין.

דורך אָט־דער פרעמדקייט —
מיין גרויער בליק דורך באַן־פענסטער
וואָס לויפן דורך די וועלט.
דורך אָט־דער פרעמדקייט —
אַ שווערע שיף אויף אומרואיקן ים,
אַן אַנדער לאַנד,
אַ שטומע האַנט פון אַ דערווייטערטן און אָרימען מאַן,
אַ ברודער אין אַ אונטערשטוב,
אַ פריער אויפשטיין, ווען די נאַכט ליגט קלעפּיק־גלאַנציק
אויף די פאַררעגנטע וויסטע טראָטואַרן.
און לעמפּלאַך ביי פאַרברודיקטע מאַשינען
און — פינסטערע פינסטערער ווי אין יענעם שמאָלן אַלקיר
אין גרויען הויף אַריין.

טרייסט....

מיט געטרויליכע רייד און מיט פּאַרטרויליכן שווייגן.
דיין קומען אין וואַכנדיקע אוונטן צו מיר אין שטוב. —
ווערסט מיך ווידער נאָענט מאַכן צו אַלץ וואָס איז אוועקגע־
גאַנגען.
דערמאָנונגען פון פריערדיקע טעג,
פון נאָענטע, פון משפּחה,
אַלץ פאַרטרויט און טרייסט מיך,
אַז פרי ועט מיך די אויסגעווייינטע רו באַגעגענען.
דו ביזט מיר אַ געבליבענער פריינט פון אַ יונגער צייט,
ווען אַלץ איז מיר אויפגעגאַנגען ווי אַ חלום,
און איז באַלד צובראָכן־געוואָרן.
שרעקן זיינען מיין ליבע און זעל באַפאַלן
ווי שוואַרצע קעץ דורכגעלאָפן מיין וועג,
און אַלץ אין מיר איז צובראָכן־געוואָרן.
נאָר דו, מיט דיין פאַרטרויליך וואָרט,
מיט דיין פאַרטרויליך שווייגן,
טרייסט מיך:
די שרעק איז ווי אַ שוואַרצע קאַץ אַריבערגעלאָפן מיין וועג.
און — איך בין אַ רואיקער געקומען צו מיין שטוב,
ס'איז געשטאַנען שפּעטע נאַכט אין שטאָט.
די לבנה איז געלעגן שוין ביים ברעג אויפן נידעריקן הימל,
איך האָב אויפגעשלאָסן די טיר.
אין מיין שטוב איז קיינער ניט געווען — — — —
איך האָב זיך שלאָפן געלייגט.

קיינער ניט

קום, מיד מיך ניט איינגאַנצן איין. נעם מיין האַנט.
כ'בין אַזוי הויל, מיט אַש און גרוי איז פול מיין וועלט.
פאַרלאָרן ליגט אין מיר אַזויפיל. אַזוי פיל,
און וויסט איז אַלץ אין מיר.

צינד אָן אין מיר וואָס מ'קאָן נאָך אָנצינדן.
באַהאַלט מיין קאַרגן ליכט אין מיר.
מיין וועלט גייט אויס אין טויט.

עס דערוויינט אין מיר מיין וויסטער וועג ביז איצט.
איך האָב געבעטן אַ טראָפּן ליכט פון ליבשאַפט בלויז
איך זאָל קאָנען אויפהויבן מיין האַרץ פון שפלות.

איך שטיי איצט הויל און וויסט פאַר דיר.
מיט סם מיט ביטערן אין מיינע בלוטן.
קום. נעם מיין האַנט און פיר מיך איינאַליין אַרויס פונדאַנען.
איך דאַרף ניט קיינער זאָל מיר נאָכגיין.
קיינער דאַרף ניט זען.

אַ בערגל

ביים פענסטער שטייען יונגע אינגעלשע ווייכע ביימלאַך.
אַ נייער ברייטער טיש פון פריש-געשניטענע ברעטער.
איך טרינק טיי.
דו בייגסט זיך צו צו מיר.
וואָס ווילסטו?
— איך וויל דו זאָלסט מיט מיר אַרויפגיין אויפן בערגל.
דו זעסט אַנטקעגן דאָרט דאָס הויכע שלאַנקע בוימל,

לאָמיר גיין אַהין און דאָרט זיך לייגן.
— לאָז מיך זיין אַליין.
— קום מיט מיר, ס'איז אַזאַ שיינער דרויסן.
גוט, איך וועל מיט דיר אַרויפגיין אויפן בערגל
פון דאָרטן וועסטו זען די ברייטע לענדער בערג און טאָלן,
און דאָס טייכל, און דאָס קליינע שטעטל, —
און די קליינע בלויע ברונימלאַך,
די קי, די קעלבלאַך און די וועלדלאַך.
ס'איז אַזוי שיין. סאיז אַזוי שיין.
מיר וועלן אויפהויבן די הענט צו גאָט מיט אַ געוויין,
און ציטערדיקע פאַלן צו דער ערד.

אַזאַ פרייד

ריים אויס דאָס דאָרנדיקע געוויקס פון מיין לייב,
די מרה־שחורה פון מיין אייגענעם שאָטן.
צי אָן אַ ווייסן ליילאַך אויף מיין בעט
און נאַכט וועט שפרייטן איבער דער וועלט גענאַד און שלום

און מאָרגן:
וועט אַ פרישע ווזן אַנקלינגען אין מיין שויב.
וועל איך דערהערן שעפן וואַסער פון יענער־זייט וואַנט.
וועל פאַרהויבן דאָס פאָרהאַנגל און דערזען
אַן אָפן אויסגעוויקלט לאַנד
און אַ וועג וואָס פירט איבער דער גרויסער וועלט אַוועק.
און דו... און דו . . .
וועסט זיך אויסוויקלען פונם גרין פוןברייטן לאַנד
און פון דיין האַנט,
און פון דיין האַנט
וועט שפראָצן אַזאַ שיין.

די גאַנצע וועלט טרינקט וויין.
די גאַנצע וועלט טרינקט וויין.
אַזאַ פרייד !

אַלט

אַלע ווערטער פון דיין טרייסט צעפאַלן קאַלט,
די וואַרימקייט פון דיינע בליקן וואַרימט מיר ניט.
זיצסט מיט מיר אין שפּעטער נאַכט — דיין נאָענטקייט
פיל איך און דיין ליבשאַפט איז מיר ליב.
נאָר זעסט דאָך — אַלץ איז אַרויסגעפאַלן פון מיין רשות.
איך הער נאָר ווי עס טרייבט מיין האַרץ זיך בלודנע אום אין
מיר.
ביטערט, טרויערט מיין בלוט אין פינסטערע גרעניצן.
און פון דיר, אַ טייערער, ווייט אַזאַ ווייט צו מיר.
אין מיין געפאַלנקייט ווערסטו גרוי און קליין.
נאָר וואַרט . . . דו ביזט מיר ליב . . . ס׳וועט איבערגיין. . .

נעם מיך פאַר דער האַנט, לאָמיר אין דער נאַכט אַרויס
אפשר וועל איך אין דער שפּעט און שטילקייט דאָרט דערזען
אַ פונק פון דעם, וואָס איז געווען פייערליכע וועלט פאַר מיר.
אָט איצט איז קיין־זאַך מער נישטאָ. אומרו קלאַפּט.
אַ שאָרך, אַ רוף — ס׳איז מאָנאָטאָניע.

אַלע ווערטער פון דיין טרייסט צעפאַלן קאַלט.
רעגנס רינען מאָנאָטאָן : אַלט, אַלט, אַלט, אַלט,
בלינדע גרויקייט הענגט אַראָפּ פון מיר און שווערט
ס׳איז שפּעט, ס׳איז שפּעט.
קיינמאָל איז נאָך ניט געווען אַזוי שפּעט.

זילבער

וועסט מיך דערגרייכן,
נאָר כ׳וועל שוין זיין פון אַלץ באַפרייט:
ריין און אָרים.
מיט אַן אויסגעשטרעקט האַרץ
וועל איך זיך טראָגן ווי אַ שטרוי פון ווינט
צו דיינע קאַלטע שייערן.
וועסט מיר אַנטקעגנקומען
מיטן הויך פון קעלט און שניי אויף בערג־שפּיצן.
איך וועל נישט ציטערן.
דיין האַנט וועט צייכענען אַרום מיר
זילבערנע רייפן.
זילבערנע עיגולים.

עס איז געווען,
ווען גרין און פליגלדיק מיין כח האָט געברענט
האָב איך בלויז צאַרטע מורא וועגן דיר געחלומט:
האַלב־פאַרמאַכטע טירן,
גרויע, בלויע פענסטער.
פון ברייטע ווענט אַפיר
דיין האַנט האָט זיך געשטרעקט —
אַ זאַנג אַ ליידיקע . . .

איצט,
האָב איך זיך אויסגעטאָן פון אַלץ,
און איך בין ריין און אָרים.
און כ׳גיי מיט דיר.

כ׳בויג איין מיין קאָפּ,
ביים נידעריקן טירל פון בית־עולם.

מיר קומען אַריין,
זעצן זיך בײַם אַלטן טיש
נעבן דער וואַנט פון קברות־שטיבל:

תהלימלאך פאַרגעלטע ליגן,
בלעטלאך, ברעקלאך.

מיר הויבן זיך אויף פון אָרט,
גייען מיט דער דינע סטעשקע
ווייטער צווישן שאָטנס, קברים,
דו ווייזט מיר מיט דער האַנט:
אַנטקעגן,
אַ ליידיק אָרט.

און,
דער פרימאָרגן איז שוין אַוועקגעגאַנגען.
הינטער אונז עפנט זיך העלער און ברייטער
דאָס זוניקע אויג פון טאָג.

אַ גוטער אָוונט

אַ גוטער, גוטער אָוונט.
כ׳בין אַליין אין שטוב.
אונטער טיש בײַ מײַנע פֿיס
ליגט און שלאָפט די רו.
אַ ווײַסע אַלטע קאַץ.

פוניענער זײַט פון מײַנע פענסטער,
שנייט שוין שטילער ווינטער.

צווישן לאַנגע אַלטע לאַמטערנעס
פליען קינדערשע שנייען.

וואַכע רו און וואַכער שלאָף,
מאַכן לויטער מיינע אויגן.
אַזאַ גוטער אוונט.

מאָרגן וועט די וועלט מיר געבן
ווייסע ווייטע שיינע גאַסן,
כוועל הינטערן שטאָט אַרויסגיין
זען ווי קראָען גראָען
איבערן שניי.

ווייסע

איך וועל דיך אויסטון פון דיין שוואַרץ געוואַנט
און אָנטון דיך אין ווייסן, לייכט און לינד.
און וועל דיך פירן צו דיין קינד.

עס שפּרייט זיך אויס אַזאַ מין ליכטיק לאַנד
עס בלויט זיך אויס אַזאַ מין אייביקייט,
אַ טריט, אַ טריט, און אָט איז דער פּלויט . . .

אָט דאָרטן, הויך, דו זעסט, דו זעסט,
זי שטייט שוין און זי וואַרט אויף אונז,
שטרעקט אויס די האַנט.

דיין קלייד איז ווייס,
דיין פּנים קלאָר און ווייס,
דיין קינד אַנטקעגן ווייס
אַזוי־ווי שניי.
און איך בין ווייס.

בוימער ווייטיקן

געליטן און געליטן און — פֿאַרשוויגן.
מיין שוועל איז ווידער מיר געוואָרן נאָענט
און דאָס אומהיימליכע געוואָרן היים.
ווידער טאָג, טאָג,
די וועלט — אַ סטעשקע אין אַ גאָרטן
אין געלען־גאָלדענעם סעפּטעמבער.
שטיל. —

בוימער ווייטיקן שטיל.

אַ געדאַנק פֿון טויט — אַ קראָ פֿליט דורך
איבער רואיקע פֿאַרשאָטנטע דעכער.
דער ווייסער הויך פֿון פֿריען ווינטער,
לאָזט אַרויס אַן איינציק שנייעלע פֿון מויל.
ווייס.

בוימער ווייטיקן שטיל.

פֿון דער ווייטסטער פֿרעמד אפילו
וואָלסטו געדאַרפֿט צו מיר איצט קומען.
אינם שיין פֿון היינטיקן הערבסט,
ליג איך ווי אין יענע אָוונטן
ביים שיין פֿון קליינעם נאַכטלעמפּל.
דער קנויט ברענט געל, הערבסטיק,
געל.

בוימער ווייטיקן שטיל.

זילבערן גראָז

כ׳האָב דערפירט מיין לעבן ביז איצט
מיט אומעטיק־אָרימע וואָכן.
און מיין פרייד — בלויז אַ בליק אויפן שוועל נאָכ׳ן יאָך
און מיין בליק אויף מיין קינד,
ביי מיין טיש, אין מיין בעט.

כ׳האָב געשטרעקט זיך אין שלאָפלאָזן פיין
אין דער ליידיקער גרוים פון דער נאַכט.
אין דער עלנטער גרוים פון דער וועלט.
האָב די אָפענע גאַסן געזען,
און מורא געהאַט.

איך האָב שטיל זיך פאַרטרויט:
איך בין קליין.
און דער וועג צו דער וועלט איז מיר שווער,
און דער וועג צו דער וועלט איז מיר וויסט,
און דער בוים ביי מיין שטוב,
הויקערט צום אָוונט מיט שרעק.

און מיינע זיבן־און־צוואַנציק יאָר
ברענגען מיר זילבערן גראָז פון עניוות.
מיין לעבן ווערט שענער און קלענער,
אַזוי ווי דאָס גרין פון אינדערפרי
ביי אָפענע טירן.

פאַרשטיינט

פאַרפייניקטע האַרבע ווערטער,
פאַרקלעמט אין האַרטן געדולד.
אין קאַלטן מאַרמאָר פאַרשטיינט און פאַרביינט.

אַ שעה פאַר מיין וויסטן פאַרטאָג,
נאָך אין פאַרבלייכטן שיין פון שטערן,
זיינען זיך צופלויגן הויך און ווייט . . .

מיין וויסטער פאַרטאָג איז געקומען צוגרויען:
ביימלאַך פאַרדאַרטע און שטעכיקע
בייגן זיך צו מיינע נאַסע פענסטער.
ווייסן נית. קוקן ניט . . .

די קאַץ ליגט קאַלט אויפן געלן וויגשטול
עפנט די קאַלטע אויגן,
קוקט צו מיר נאָענט...

און די מענטשן פון אַנטקעגנדיקע טירן,
פון נעכטן, פון תמיד, די מענטשן . . .
ווייזן זיך ביי מיין פענסטער,
גייען אַוועק אין די גאַסן . . .

אויפוועקן

אַלץ ליגט מיד אין מיר.
נאָר ס׳דאַרף נאָך קומען ווער און אויפוועקן פון מידקייט.
ווי רגע׳דיק דאָס זאָל ניט זיין, וועט פרישקייט אויף-פריען.
אַ ניי-געפונענע, געזוניקטע איבער מיין ערד.
אַ, פרומער וואונטש אין מיר,
גיי אַרוים איבערן וועג און זוך,
געפין די צאַרטע טריט פון מיינע פרי-פאַרלאָרענע,
און ברענג זיי אויף אַ קורצער וויל צוריק.

פון מידקייט ווי פון שטומען שטיין אַרוים,
אַ גראָז, אַ צווייג-בוימל גייט גרין אַרויף און פרישט.
און פון ערינערונג גייט פרילינג אויף מיט פליגל,
און טעג, ווי ליבע אומשולדיקע שאָף,
גייען אויף׳ן הויכן באַרג,
און אויפן גרינעם גראָז.

ערינערונג, וואו ביזטו פאַרשלאָגן.
זאָל אויפפליגלען אין אונזער קול און רייד,
דער קינדערשער רעגנבויגן נאָכן זונ-און-רעגן.
אונזער ברייטע פאַררעגנטע גאַס איז פול געווען מיט קינדער,
וואָס פאַר אַן אָוונט סהאָט געשוועבט אין הימל!
רויטע זאַפטיקייט אויף אַלעמענס ליפּן
און געזאַנג אין אַלעמענס אויגן.

אַלט

איך דערהער אין זיך אַזאַ מין אַלטקייט, שפּעטקייט.
דאָס קלאַפּן פון די לאַדנס פונם זיידנס שטוב,
די צאַנקענדיקע ליכט איבער אַ ווייטן שבתדיקן טיש.
ס׳ווייט דורך אין מיר דער ווינט פון אַ ווייטן פרילינג
אינדערפרי.

אַ שמאָל געסל ביי אַ גאָרטן
ליגט פריש אין ווייסן צוויט פאַרשיט.
און —

דאָס ווייסע ליכטפלעמלביים זיידנס טויטן קאָפּ,
דאָס קלאַפּן פון אַ צדקה־פושקע נאָך לויה׳דיקע טריט.
דער ברעג פון קבר.
פריש־צוגראָבענער פייכטער ליים,
פאַרווייעט מיט יונגע בלעטלאַך פון בוים.

און — פינסטער.

פון מיין פינסטער רוף איך ווערטער,
צינד זיי אָן מיט גאָלד און בראָנז.

און — פינסטער.

און אין מיין פינסטער פאַלן ווערטער,
פאַרלאָשענע, פאַרוועלקטע בלעטלאַך.

טייערע

מיינע הענט אַרום דיין קאָפּ:
טייערע, דו וועסט ניט שטאַרבן.
אַ בייזע וועט די שעה אַריבערגיין
קומט אינדערפרי,
און דו וועסט לעבן.

כ'צינד אָן אַ לעמפּל.
ווי נאָר ס'וועט בלויען אין די פענסטער
וועל איך עס פאַרלעשן.
וועסט עפענען די אויגן צו מיר.
און מיך רופן.

איך האָב פאַריגלט און פאַרמאַכט
אַלע טירן, אַלע טירן,
ס'וועט קיינער ניט אַריינגיין.

ס'גייט אַ רעגן,
אַ קליינער דריבנער רעגן,
קלאַפּט פּאַמעליך אויף אונזער שוועל,
ער וועט אַוועקגיין . . .

איבערשווייגען

נאָך אַ שיכט פון אומעט,
און נאָך אַ שיכט פון אומעט
האָט זיך אויף מיין שטערן געלייגט.
איך ווייס, איך זע און הער,
און שווייג פאַר זיך און שטום פאַר זיך,

נאָר עפּעס זוך איך צו דערשטיקן אין מיין האַרץ,
און כ׳וועק עס ווידער אויף.
און קלינג אין מעלאָדישער מעלאַנכאָליע.
אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען.
טריט פון גרינגע פייגל
איבער צווייגן,
אין וואַלדיקן שווייגן.
הערבסט וועבט זיך.
רעגן רעדט איבערן וועג — — — —

ווייסע נאַכט

ווייסע גרויסע וועלט,
די הימלען קלינגען ווייס
שטערן קלינגען ווייט.
אין דער גרויסער וועלט.

ווייט פון דאָרף אַרויס
אין גרויסער וועלט אַריין
ליגט גאָר די ערד אַליין
אַזוי פאַרלאָרן-ווייס —

אַזוי פאַרכשופט-ווייס
און ווייס פון קיין-זאַך ניט.
די ווייסקייט פליט און פליט
פון זיך אַליין אַרויס
אין זיך אַליין אַריין.

צוריק . . .

אין יענעם פאַרישוב׳טן ישוב.
פאַרנאַכט. ביי די שאָטנס פון שטוביקע ווענט.

בעט פאַר מיר אויס אין אַ זייטיקער שטוב אַ געלעגער.
כ׳בין קראַנק און איך וויל אַזוי קליין זאָל מיין וועלט זיין.
מיט שטיבלאַך, מיט פענסטער קליינע,
מיט רו, מיט אָפּרו.

אַז ס׳האָט מיך פאַרוואָרפן מיט שווערקייט און פרעמדקייט
דאָס גרויי פון צעוואַקסענע גאָטלאָזע שטיבער.
אַז מיך האָט פאַררווישט אַזאַ פיבער פון זינד,
אַז כ׳בין אַ פאַרשעמטער אין ברודיקע ווינקלען פאַרקראָכן,
און געוויינט אויפן קאַלט פון דער וואַנט.

איך בין הינטער אַלץ שוין אַצינד.
איך הער ווי עס קלינגט נאָך מיר נאָך.
עס פאַרקלינגט און פאַרווייט. איך הער.
און כ׳בין שוין אינערגעץ נישטאָ דאָרט.

כ׳בין צוריק אויף אַ זייטיקן וועגל פאַרקראָכן
צו יענעם פאַריישובטן ישוב,
ביי די שאָטנס פון שטוביקע דעכער און ווענט.

אין דאָרן

איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ פון האַרטן בלינדן דאָרן:
(דאָ איז מיין וועלט. דאָ וואוין איך. וועט איך פאַרלאָרן.)
דריי טריט פון מיין בלינדער וואַנט עפנט זיך אַ ווייטע וועלט.
מאָלט די צייט מיט איידעלע פינגער די העלע לאַנדשאַפטן
פון מאַי,
שטעלט אויס איבערן וועג יונגע פרינצליכע ביימער,
שפּינט עטליכע גרינע טעג, איבערן וועג,
נעבן שטיבער. אַזוי ערגעץ.
ליגן זיך אַ ווייל די גערטנדלאַך ווי נייע
שטייען זיך אַ ווייל די וועלדלאַך אין וואַרימקייט,
אַז די זון איז שטענדיק פול און גאַנץ און ניט מיד.
ווערט זומער.
ס'וואַרימט זיך,
און זוניקט זיך,
און — עס ווערט זומער.
ריחות פון רייכער רייפקייט
ציען זיך פון ווייטע פעלדער —
דריי טריט פון מיין בלינדער וואַנט.

נאָר דער זומער שמעלצט זיך אויס.
הערבסט צינדט אָן זיינע לאַמטערנעס
רויט־גאָלדענע.
עפּעס קרוינט זיך, שיינט זיך אַרום מיר.
שטעק איך אַריין מיין קאָפּ אין האַרטן בלינדן דאָרן —
דאָ איז מיין וועלט, דאָ וואוין איך, וועט איך פאַרלאָרן.

ביי זוניקע פענסטער

אין ווייטן לעבן . . . איצט שוין?. . . אפשר ? . .
אַ ווייכער זילבעריקער שיין ליגט אויפן דיל
די פענסטער פון אַנטקעגן שטרעקן ציטערדיקע ווייסע הענט,
די פענסטער געזעגענען זיך מיט טרערן אין די אויגן.

די טיר האָט זיך געעפנט.
אַ לויטערער הימל ליגט אינדרויסן.
איבערן ליכטיקן טראָטואַר גייען אום מענטשן,
און צווישן זיי אַזויפיל נאָענטע מיינע.

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט.
איך בין אַליין אין דער ליכטיקער שטוב.
אַנטקעגן דעם שיין פון די פענסטער
וואָס געזעגענען זיך מיט מיר.

און אַנטקעגן דעם שיין פונם ליכטיקן פענסטער
בליט ווידער אויף מיין לעבן אין זיין חלום,
ווי גרינצייג אין אַ גאָרטן.
די דאָזיקע שטוב איז מיינע,
און די וועלט פוניענער זייט פענסטער
און דאָס ליכט און דער טאָג,
ס'איז מיינס און מיינס.
איך האָב צעגראָבן,
איך האָב פאַרזייט
און ס'האָט זיך אַזוי גאָלדיק געוויגט און וויגט זיך נאָך,
הויך אַריבער מיינע פענסטער . . .

די פענסטער געזעגענען זיך מיט טרערן אין די אויגן.

אַ ליכט

ווי אַזוי וועסטו פֿאַרבלייבן ליכטיק אין מיין נשמה, אין
מיין לייב.
עס קריכט דער וועלק איבער מיין וועלט ווי אַ מוטנער
וואָלקן.
איך בייג זיך צו פֿינסטערער טויטער ערד און שאָטן
און צייל מיינע טעג ווי לעצטע טריט אַראָפּ פֿון וועג,
וואו טויבע כוואַליעס שלאָגן אָן אַ שטיינעריקן ברעג.
אויב כ׳האָב אין זיך אַ מינדסטן שיין, אַ ליכט
וועט עס ברענען אין חושך פֿון דיין פֿאַרלאָרן לעבן.
איך האָב נישט מער ווי דיין שמאָלן קבר,
צוקומען, שוויינג, זיך אַרומקוקן.... און אַוועקגיין.
טרויער פֿון אַלע פֿיר ווענט וועלט קרייצט מיך אַרום,
און באַגלייט מיך צו מיין שוועל,
און איך פֿאַרפֿאַל אונטער אַ טויטן דאַך.

ווי אַזוי וועסטו אַרויסבליען דורך מיר.
עס זאָל פֿאַרבלייבן דיין אָנדענק אויף אַ בערגל וואו
אויף דער ערד וואָס מיר פֿאַרלאָזן אַזוי גרויס און אַזוי אָפֿן,
איך וויל ווערן אַ קליין ליכט אויפֿן בערגל פֿון דיין טויט
און ברענען אין גראָע טעג,
ווען וואָלקנס וועלן הענגען איבער דיין גרוב.

אָ, דו פּשוט וואָרט

אָ, דו פּשוט וואָרט. דו ניט פּשוט וואָרט.
ווי פֿון געלן בלאַט ווײנט דער הערבסט אַרויס,
ווי פֿון קראַנקן בוים קוקט דער טויט אַראָפּ.
אַזוי טריפֿט פֿון דיר.

אַזוי טריפט פון דיר,
סם פון מיין געמיט.
אַזוי רינט פון דיר,
אַזוי רינט פון דיר
אַנגסט פון מיין געביין.
אַ, דו פשוט וואָרט, דו ניט פשוט וואָרט.
אויפן שאַרפן שטעג וואו כ׳שאַר זיך אין דער וועלט
ציסטו נאָך נאָך מיר ציטערדיק און דין.
און איך כאַפּ זיך אַזוי היים מיט דיר אַרום,
קוש דיך, סם דיך מיט מיין בלוט.

אַ, דו פשוט וואָרט, דו ניט פשוט וואָרט.
וואַרף מיך אויפן מיטנוועג אַוועק —
אַ פאַרשטומטן שטיין.
זאָל מיין שווייגן שרייען אין דער וועלט
זאָל מיין בלינדקייט וויינען צו דער הויך.
גאָר דאָס אומגליק זאָל זיין טויט אין מיר,
און ניט שרייען צו דער קאַלטער ערד.
און ניט וויינען צו דער שטומער האַנט
און ניט שטרעקן זיך צו יעדן סלופּ.
און ניט בויגן זיך צו יעדער גרוב.

פון הערבסט

מאָרגנס שפּראָצן אויף מיט פוילע קראַנקע בייכער.
שלעפּן זיך ביי דר ערד מיט שלאַפּע פיס.

אַ הויפן אָפּגעבליאַקעט היי — דער וואָרימליכער מערב
פאַרהילט אין דינעם גרויען טראַכטן.

ווערט קיל און קאַלט און ליכטיק הויכער הימל.
אַ קלאָרער ווינט קומט פּלוצלינג שוין ביים סוף פון טאָג.

אַ, שטאָלצער בליק פון בוימער פון די קלאָרע אוונטן אַרוים.
און גוטע געלע שטיקער ערד ביים שטאָלצן באַרג.

די קאַרס אין ברייטן וועג פון שטאָט אַרוים
גייען היימליכע און רואיקע — אַהיים.

בלוי אַזוי דער הימל און וועט באַלד פאַרגיין
שטערן וועלן שיינען קאַלט און ווייס אַזוי ווי שניי.

טויטן

צו דיין אייביק ליכט מיין פּנים שמייכלט:
דו ביזט ניט שולדיק וואָס איך פאַל און שטרויכל.
וואָס איך טריף אוים ווי אַ ליכט,
וואָס איך פאַרגיי ווי אַ געלער גראָז.
אין דער גאָלדענע פאַנטאַזיע פון הערבסט
אַלע ביימער ברענען קראַנק איבערן לאַנד
טרויערן צום מערב-געצונדענעם הימל.
און שרייען אויף מיט בייטשן ווינט
ווי מיט פלאַמענדיקע קנוטן.

ווי אַלטע קראַנקע הינט,
מחנות הונגעריקע טויטן,
גייען אום איבערן הערבסטיקן לאַנד,
און וואָיען.
און וואָיען.

אינדערפרי, קום אַרוים!

דו וועסט מיך שוין מער ניט רופן.
און אייגן וועט מיין נאָמען שוין ניט אויפגיין
ניט אויפלייכטן אויף דיינע ליפן.
טאָ, פיר מיך פריער־נאָך אַרונטער אין דיין טאָל
אָ, פריע פיינליכע אַלטקייט.
מיינע אויגן וועלן נאָך אויפפינקלען
און איך וועל זען:
שטיבלאַך.
פענסטערלאַך.
שניי זינגט ווייט.
ווייסע זיידן,
ווייסע ליינען.
די פענסטערלאַך פאַרבלויען.
צום אָוונט פליען איינציקע קראָען:
קראָ־אָ־אָ־אָ.

און איך וועל זען:
שטיבלאַך.
פענסטערלאַך.
אַ ווייסער גאָרטן אין טומאַן.
אויפן פלוים שטייען קראָען.
שרייען אין טומאַן אריין:
אינדערפרי!
אינדערפרי, קום אַרוים!
קראָ־אָ־אָ־אָ!

אַוועקגעגאַנגען

הינטער דער אַבסטראַקטער גלעזערנער וואַנט פונם פאַר־
גאַנגענעם,
שפּרייט זיך גרין און וואַרים דאָס פעלד פון ליכטיקע
בענקשאַפטן.
אומענדליך גייט דער וועג און קיין שטיבער טרעפט מען
שוין ניט.
קיין דערפער ליגן ניט,
קיין וואגנס פאָרן ניט דורך.
גאָט האָט אויסגעשפּרייט זיין גענאַד פון רואיקייט.
ס׳איז איינגעשלאָפן און שלאָפט, און שלאָפט.
ס׳איז איינגעוויגט און רוט.
עפּעס אייביקס וועבט אום ווייסער רינגען
אַרום דער גרויסער שטילקייט פונם פאַרגאַנגענעם.
קיינמאָל וועט שוין דאָ קיין קלאַנג ניט אויסקלינגען
ניט אויפשרייען, ניט אויפוואַכן.
קיין שאָף וועט זיך ניט ווייזן,
אַלע טשערדעס שלאָפן און רוען
אין דער אייביקייט פונם פאַרגאַנגענעם.
און די פאַסטוכער ,אַלע פאַסטוכער,
און די דערפער, און די ברונימס,
און די הינט ביי די שטיבער,
און די וואָגנס פון די וועגן,
אַלץ איז אַוועקגעגאַנגען אינם ווייסן רויך פונם פאַרגאַנגענעם.

אין נאַכט

פאַרלאָרן ליגן אין פאַרשטיקטן שלאָף די שטיבער.
איך עפן אויף די טיר. קוק די גאַס אַריבער:
קאַלטער שאָטן, קלאָרער הימל, שטערן, שטערן.

איך קער זיך ווידער אום צו דיר.
זעץ זיך נעבן דיר אַנידער.
רעד טרייסט צו דיר —
איך וויל, אָן גלויבן,
גלויבן אָנצינדן אין דיין צעבראָכן האַרץ,
איך קער זיך ווידער אום,
שטעל זיך נעבן דיר אַנידער.

שפּעטע נאַכט, און קאַלט.
דערמאָנונגען קומען, מאָנען.
זיי קומען ווידער, ווידער.
פאַרגראָבענע, פאַרטרונקענע,
איך הויב זיי אויף,
און טראָג זיי . . . טראָג זיי . . .
שפּעטע נאַכט. און קאַלט . . .

דיין טראָט איז גרינג, ווערט גרינגער — פונדערווייטן:
דער לאַנגער שטיינעריקער פּלויט, די קליינע טרעפּ . . .
מצבה'ס און מצבה'לאַך מיט קינדערישע ווייסע קעפּ . . .
מיין טראָט איז גרינג . . .

אַ גאָלדענער בוך

אַן אָפּענער גאָלדענער בוך —
פריער הערבסט אויף אַן אַלטן בית־עולם.
בוימער ברענען מיט צווייגיקע ליכט
קעגן זוניקן צונטער אין מערב.
פול איז דער לאָגל מיט טרויער
אויפן אַקסל פון שלאַנקן פאַרנאַכט.

דער הימל ברענט רוי.
שוואַרצע דעמבעס מיט צונטריקע בלעטער.
וויקל איין דיין פאַרצאָרנטן הימל.
זאָל זיין קיל, זאָל זיין בלוי
כ׳וועל עפענען אַ טיר
פון יענער זייט פלויט
וועלן זיי איינציקווייז, איינציקע,
אַרויסגיין פון דאַנען . . .
מיט זייער האַרטן צוקאָפּנס —
קישעלאַך ערד אין די הענט.

אַן אָפּענער גאָלדענער בוך —
אַן אַלטער בית עולם אין טאָל.
גאָטס כשוף טריפט גאָלד פונם מערב.

ווינטער

וויים און פראָסט — און ווינטער האָט צוגליט.
שאַרפער הימל — אָנגעצויגן ביז צו דר׳ערד.
פראָסט האָט בלאַנק געפּאַכעט מיטן שווערד,
און געשניטן וואָיענדיקע טריט ;

האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט אַרום די ווענט,
און געבונדן זי מיט קופּערדיקע שטריק.
און געהיים געבלענדט, געבליצט, געברענט
געהיים געהוזשעט אומעט־אומעטיק.

האָט די שטאָט זיך איינגעבויגן, אַלט,
קאָפּ אַרונטער אונטער בליי און שטאָל —
אַ צעגויפגעדריקטער אַלטער וואַלד
שווער אַראָפּגערוקט זיך אין אַ טאָל.

מידער חלום

דאָס מינדסטע וואָרט
ווײַנט בלוטנדיק אין ווײ —
אין אונזער שווײַגן
רוט איר שײנער אָנדענק.
מיר לעבן ווי אין מידן חלום.
זיצן איינער נעבן אַנדערן,
און וואַרטן.

קאַלט־זיך־ברעכנדיקע שטראַלן
פון אַ ווינטערדיקן סוף־טאָג.
שאַרפע ווײַנען, פּײַנען,
גלוטיקן און וועבן אויס
אין בעכערס זילבערנע —
פענסטער ווײַסע,
פענסטער ווײַסע —
אונזער שטוב איז שטוב.
פענסטער ווײַסע,
פענסטער ווײַסע.
אונזער שטוב איז אַלט.

ווען

איך דערמאָן זיך,
און געדענק קוים,
שאָטנדיק ציט פון דער ווייט
אַזאַ גרינער וועג אַרויפצו אין אַ שיינער צייט.

קליין מיין לעבן,
ווייטער פון מיין יונגן טאָג,
וואַקסט, צעוואַקסט זיך אַזוי גרויס —
וועלט און וועג און ווייטקייט.
עפנט זיך אַ פענסטער
קוקט אַזאַ מין ליכטיק אויג צו מיר אַרויס.
איך דערמאָן זיך,
און געדענק קוים,
ווען און ווער . . .

יונג מיין לעבן,
אַ קליינע שטוב,
מיין מוטערס אָרימער באַוואוין,
נידעריק.
עפנט זיך אַ שמאָלע טיר,
איינגעהילט אין שוואַרצן
טראָגט מען פונם טיר אַרויס
אַ מיטה.
איך דערמאָן זיך,
און געדענק קוים,
ווען ער ווער. . .

זיי האָבן געהערט

טרינק, טרינק די בלויע קלאָרקייט פונם מערב,
מיין ביטער פאַראומערט געמיט.
היינט זיינען אַלע שטיבער פון דאָרף
קליינע פרומע קלויסטערלאַך
גאָטס בענשונג איבער זיי.

אַן אַלטע מעלאָדיע וועבט אין טונקלקייט
איך שטיי ביי דער טיר פונם נידעריקן הויז,
און בין אַזוי קליין
אין דעם וואונדער און אין דער גרוים פון דער וועלט.
אַזוי וואנדערליך קליין בין איך.
אין דער וועלט, ווייט,
האָב איך אָנגעהויבן מיין לעבן
אָ, מיט וויפיל טרויערן !
דערצויגן און דערטרויערט ביז אַהער,
און דאָ איז איצטער הערבסט
און דאָס דאָרף רוט אין גאָטס עניוות.

אינדערפרי היינט בין איך געווען אינם נאַקעטן וואַלד
לויטערע, ווייטערע זיינען די בוימער געשטאַנען פאַרן
הערבסט.
און דער הערבסט האָט מיט שטילן ווינט קוים די ליפּן
באַוועגט,
און ער האָט זיי דערציילט
פון בריליאַנטענע שנייען,
פון שטאָלענע פרעסט
און זיי זיינען געשטאַנען אַזוי לויטער,
און אַזוי קלאָר און ליכטיק געהערט.

סאָלידע יאָרן בליען

יאָרן ווערן סאָליד.
זילבערנע זיכערקייט.
אין זייערע קלוגע שלייפן.
וואָס זיי זאָגן און דערציילן
איז שיינע לעגענדע פון אמת.
און דאָך זיינען זיי נאָך אויך אויפן וועג,
ווי ערשטע ניט רייפע טעג.
וואָס זיינען אין קאָקעט פון מיידלשקייט.
ביי זייערע ברעגן שטעלט דער פריער זומער
זיינע שלאַנקע אינגלשע בוימער ארוים.
און די בוימער וועבן פון וואַרימער זון,
צוויט פון קינדערשער ווייסקייט.
סאָלידע יאָרן בליען
זילבערנע ליכטיקע קלוגשאַפט
שיינט פון זייערע טיפע שלייפן.

און אַט, אין הארבן פיין, אין מידער זאַמדיקייט פון מיינע
יונגע יאָרן
געוויזן זיך די סאָלידע זיכערקייט, אין זייערע קלוגע שלייפן.
אַרום-אַרום האָט שוין געשמעקט דער טשאַד פון הערבסט
מיר אין די נאָזלעכער
און אומעט האָט זיך באַזעצט ווי אַ סאָווע אין קוימען פון
מיין שטוב.
אומבאַוועגליכע גאַסן האָבן געקוקט אין מיינע פענסטער ווי
טויטע פיש
מיט פאַרגלייזטע, פאַראייזטע אויגן.

נאָר יונגקייט שפּילט נאָך אויף אין מיר.

עס קומען צושווימען פאַרנאַכטן
און איך גיי אין זיי אַרום
ווי אין תמוזדיקע סעדער.
איך רוף, איך וואַרט.
און איך הער ווי מ'רופט מיך,
איך פיל ווי מע וואַרט אויף מיר
אונטער בוימער,
ביי טייכן.

אַליין

אַ שטומע שעה אַמאָל
בשעת מען איז אַליין.

ניט הויך, ניט ווייט און גרוים
איז גאָר די וועלט אַרום,
דאָ הויבט זיך אָן אַלצדינג,
דאָ לאָזט זיך אויס אַלצדינג,
דאָ ענדיגט זיך אַלץ שטום.

בלויז אויף אַ פינטל וואו,
חלומט זיך די וואָר.

און אָפן ליגט און הויל
דאָס אויפגעכשופט ליכט.
מיט אומרו און מיט רו,
מיט רגע'ס און מיט יאָר.

און — ס'זעט אויס אַזוי אומגעריכט.

אַהין

וועסט עפענען דיין ברייטע האַנט,
און טיילן דיין גענאָד איבערן לאַנד.
און וואָס איז באַנג אַוועק אין טויט און פּיין,
וועט אויפגיין אין אַ קרוין פון קלאָרן שיין.
אין שיינענדיקן אינדערפרי וואַכט אויף
און ווי אַ קינד אַ קליינס, פון שלאָף
און לאַנגן ווייסן העמד אויף קילן דיל,
וועסטו דערנענטערן צו מיין בעט זיך שטיל.
דיין האַנט דיין ווייסע ליגן אויף מיין קאָפּ:
קום פון דיין בעט אַראָפּ.

מיר וועלן גיין מיט קליינע שטילע טריט.
אין וועג איז אַלץ פאַרוועלקט, פאַרגעלט, פאַרבליט.
מיר וועלן דורכגיין... דורכגיין, ביז די נאַכט
וועט עפענען איר שמאָלע טיר. —
לבנה-שיין אויף מיר,
לבנה-שיין אויף דיר
טרעפלאַך אויף אַ גרינעם באַרג אַרויף
און וויכער אָטעמען פון רו און שלאָף
און — ניט דערהערטער רוף
ווי אַ געזאַנג.

אַזאַ מין שבת׳ל

יאָך, אַ. יאָך מיינער.
בינדסט אַלע טעג מיינע מיט קופּערדיקע שטריק,
אינמיטן גאַס.

דעם שבת לאָזט פריי.
קומט ער צו מיר,
אַזאַ קליינינקער,
מיט אַ הויקערל.

ער קומט צום שוועל,
שטעלט אַוועק זיך,
און בעט ביי מיר איך זאָל אים היילן.

און אַן אומעטיקער בעט ער זיך:
אַ נייעם בגד,
און שעמעוודיק:
אַ שטיקל חלה . . .

און אויף מיין טיש די גרויע ברעקלאַך וואָך
טריקענען.

אַלץ געהערט

פרעמדע הייזער קוקן גרוי אויף מיר פון אומעטום.
אונטער שטרויכלונג ברעכט זיך איין מיין לעבן.
קיינער קאָן מיין נאָענטקייט ניט אָננעמען.
די וואַרימקייט פון מיין האַנט קילט אוים,
פון ליידיקער איינזאַמקייט.
בעט איך דיר:

וויש אָפּ דעם שטעג וואָס איך האָב אויסגעטראָטן אין דיין
וועלט.
מיינע צאַנקענדיקע קראַנקע ווערטער,

פאַרוויי מיט אַלע טויטע הערבסטבלעטער אינאיינעם,
עס זאָל פון מיר קיין צווייגל ניט איבערבלייבן
אונטערן ליכט פון דער זון.

איך גיי אַרויס פון דיין וועלט
ווי פון אַ ליידיק הויז.
איך האָב פאַרנומען
אַלץ וואָס די שטומע ווענט האָבן דערציילט.
איך האָב אַלץ געהערט
געזען און פאַרשטאַנען,
און איך גיי שטיל אַרויס.

דאָ

צי האָב איך פאַר ווען מיין לעבן זאָל אויסגיין ?
איך האָב ניט. איך האָב.
פליט, פייגל, פליט און פאַרנעמט אייער זומער פון מיר.
ווינטער שפרייט אויס זיינע זיידענע שנייען,
ביים וויסט פון מיין פענסטער.
ביים פוסט פון מיין שוועל.

צי כ׳ריכט זיך אויף מזל מיט זון,
אויף כרובים פון מיטן דעם וועג,
מיט בשורה׳ס, מיט יומטוב ? —
איך ריכט זיך ניט. ניין.
איך מאַך שוין ניט מער קיין סמנים . . .
עס קומט ווי עס קומט אין מיין ענגן באַוואוין.
רירט מיך אָן פרעמד פאַרן האַנט
און — גייט דורך.
עס גייט דורך . . .

גרעניצן לויפן ? אַנטלויפן פון גרעניצן ?
ניין. איך וויל שוין מיין שאָטן ניט איבערטרעטן.
ניו־יאָרק וועט מיך האַלטן.
ניו־יאָרק וועט מיך האַלטן אין אָרימע קליידער.
ניו־יאָרק וועט מיך שפּייזן מיט רויער נויט.
ניו־יאָרק וועט מיך וויגן אין זאָרג,
אָריבערן דאַך פון וואָלוואָרט.
ניו־יאָרק וועט מיך האַלטן.

צוריקגעבראַכט־זיך

ווי דורך ריינע שויבן
וועט דער פריער שאָרך פון דער קליינער שטאָט
גאָלדיק זיך אַריינשטויבן אין מיינע אויערן.
ים און ערד האָבן מיך צוריקגעבראַכט אַהער
פון ווילדע שווערע שטעט.
אַן איינגעפאַלענער בריק,
פאַרוואָרלאָזטע שיפן,
אומגליקן און רופן אין רויכיקע הימלען.
און — ווידער אַ פור,
אַ קליין פויערל,
אַ וואַסערמיל,
אַ וואַסערל אונטערן באַרג,
אַ פאַרוויגנדיקער קלינג פון קלויסטערלאַך
איבער די ווייכע וואַרימע דעכער.
זאַמד.
רויטע סלופּקעלאַך
מיט ווייסע קעפּלאַך
און — אייגענע,
אַזויפיל אייגענע מענטשן.

אַ, טײַערע, מײַנע טײַערע,
אַ דאַנק אײַך פֿאַרן שמאָלן אַלקערל
פֿאַרן הויף הינטער מײַן פֿענסטער
וואו ס׳וואַרימט זיך די קאַץ אין פֿוך פֿון זון.

און אַ דאַנק אײַך
פֿאַרן אַלטן קעראָסין־לאָמפּ.

קליין

כ׳בין ווײסטע פֿרעמדע גרעניצן אַריבער.
האָב פֿון מײַן שוועל צושאָרט אַזויפֿיל גרוי און פֿינסטערניש.
איצט זיץ איך אויף מײַן שוועל אַליין און קליין.
און ס׳וועבט זיך אַרום מיר דאָס בלויע זײַד פֿון אָוונט.
אַ קילער ווינט רינט פֿון מײַנע פֿינגער,
אינעווייניק, אין מײַן שטוב איז דאָ אַ היימישער מענטש.
ס׳וועט ווערן פֿינסטער, וועט ער אָנצינדן אַ לאָמפּ,
וועט אָנקלאַפּן אין פֿענסטער.
וועל איך אַרײַנגיין.
און זײַן אין מײַנע היימישע פֿיר ווענט,
וואו מײַן טיש, מײַן בעט שטייט,
און האַלב באַהאַלטן, אונטער שײַן אין שאָטן
וועבט זיך קלאָר דאָס ווײַסע זײַד,
דאָס ווײַסע זײַד פֿון מײַן טויט.

וועבט זיך אויף מײַן שוועל,
און אַרום מיר,
דאָס בלויע זײַד פֿון פֿאַרנאַכט . . .

אין מיין פאַטערס געשטאַלט

איך לעב אין דיין געשטאַלט מיין פיל־געשטראָפטן לעבן,
היימיש זיך און פרעמד זיך צווישן מענטשן אום,
און ווער אַלץ אומעטיקער, אומעטיקער,
אַלץ וואָס איך דערגרייך,
איז אויסגעוויינט, איז אויסגעפּיינט
און פול מיט בלוטיקער פינסטערקייט.

יונגע קינדערשע יאָרן,
האָבן מיך דורכגעפירט אונטערן שיין פון בלויע הימלען
און מיך אַריינגעפירט אין מורא און אין טרויער פון אַ
נאַכטיקער שול־גאַס,
נאָר אַזאַ גוטסקייט האָט אַראָפּגעלייכט פון די קליינע הויכע
פענסטער,
וואו מאַמעס האָבן געדאווענט און געוויינט צו גאָט,
אין די שבתים, ווען די וועלט ווערט הייליק,
און די יומטובים, ווען די וועלט ווערט גרוים.

אַ פאַרוואָרפענע שטיק וועלט,
דיין וועלט . . . און אפשר מיינע אויך ? . . .
איך לעב אין דיין געשטאַלט,
אָט ליג איך שלאָפלאָז, שווער,
ביזטו מיט מיר איצט אין דער פינסטער,
זיי מיט מיר, פאַרשלעפער מיך,
זיי מיט מיר, פאַרחלום מיך,
ווען דער פרימאָרגן וועט קרייען אין מיינע פענסטער,
וועסטו אָפּלאָזן מיין האַנט . . .

וואוהין ?

א קליין שטיבל.
איך בין אהער געקומען ווינטערן.
אויפן בלענדנדיקן ברייטן שליאך פון זון און שניי —
דערמאָנונגען פון בערגלאַך, שטאָלן, ווייסע טעג.
וועג אַרויף אין צווינטערן,
און נאָכדעם — קינדערישע טעג.
און ווידער — קינדערישע טעג.

ס'האָט דער זיידע אַזאַ גרויסע ברייטע שטוב געהאַט.
ספרים־שאַפעס, ברייטע ליכטיקע שבתים.
אַלקערס, זאַלן און אַ הויף.
און אונזער קליינער אַלקיר,
אַ פינסטערער אין זיידנס גרויסער שטוב.
דאָס שטיקל ברויט, דאָס האַלבע היי.
און דאָס ברייטע לאַנגע בלאַט מיט הייליקייט
וואָס דער זיידע האָט געזונגען זייער פרי,
און אויפגעוועקט מיך. אַך, דערמאָנונגען און דערמאָנונגען.)

מיט מיר אין אָט־דעם קליינעם שטיבל,
אין די שניי־וועגן וואָס גייען,
איז געבליבן קליין ווי איך,
אַ וואָרט, אַ שטימונג פון אַן אָרט,
אַ דערמאָנונג.

נאָכט און ווייט און גרינע ווייסע פייען.
עפּעס אייביקס בליט אויף פעלדער שנייען
וואָס גייען, גייען, גייען.
וואוהין ?

אינם הויז וואו כ׳וואוין

מידער ליכט-שיין אויף מיין אומעטיקן טיש.
אָנהויב-הערבסט. פייערליך, וואַרימליך.
די קינדער פונם פרעמדן הויז וואו כ וואוין
קומען פונם גרויען דרויסן,
עסן אָוונט-מאָל.

מיינע טייערע.
כאָטש איך בין ניט אַלט,
וועל אפשר קיינמאָל אַלט ניט זיין,
נאָר כנעם אַליין פאַר זיך דעם כבוד,
(פאַר מיינע ווייניק זילבערנע האָר
און פאַר מיין פיל-געליטנקייט)
און וועל אייך בענטשן,
מיטן שמייכל פון מיינע אויגן.

איר זייט מיר פרעמדע.
און אין דעם גרויסן הויז מיט די חדרים,
צווישן אייער רעש און פרייד און ליכטיקיי.ט
פאַרנעם איך נאָר אַ זייטיק צימערל,
נאָר איך בין איינגעוואוינט מיט אייך,
אין אייער היימליכקייט און וואַרימקייט,
פון אייער שלאָף און אייער לויטערקייט
וואָס בלויט צו מיר פון יעדן אינדערפרי אַרויס,
איר דערמאָנט מיר . . .
איר דערמאָנט מיר,
אַ זאַך אַזאַ
אָן איינציקע,
אַ טרויעריקע.

קראַנק.

יונגעביימלאך גרינען ביי מיין פענסטער.
נידעריקע, איידעלע, ווי קינדער.
און מיין צימער שטייט מיט דינע ווייסע ווענט,
וויגן אויף די ווענט זיך די יונגע ביימלאך,
צווייגן. בלעטלאַך. זוניקע אויגן.

אויפן ווייסן ביינקל נעבן מיין בעט,
ליגט: **ВОЙНА и МИР**
אין גרויען לייוונטענעם איינבאַנד;
אַ קאַלט גלאַז וואַסער.
אביסל זון פון פענסטער.

אין דרויסן וואַקסט דער טאָג,
צווישן ערד און הימל.
ביי מיין פענסטער
די קליינע ביימלאַך
שטייען ווי ליבע קינדער.
נייגן זיך צו מיר.
צווייגן,
בלעטלאַך.
זוניקע אויגן.

פיין

די ערד וואָס האַלט מיך קוים אויף איר צובליטער פרייד,
ברומט תמיד אין מיין בלוט דעם וויסטן סוד, —
טרויער פון מיין טויט.

מײַן פּנים קנײטשט זיך לײכט אין אומבאַהאָלפנקײט
ס'װײנט יעדער גליד אין מיר אין אומבאַהאָלפנקײט.
און ס'בײגט מײַן לעבן זיך צו איר אַרונטער אַלט.

אַ שטענדיקער שטויב האַלט שטענדיק זיך אין ציען,
דורך טריבקײט אין מײַן אויג,
דורך גרויקײט פון מײַן זין.

קרײזט זיך זײלנװײז אַרום מײַן קאָפּ
און ציט זיך מײלנװײט,
אין קאַלטן האָריזאָנט אַראָפּ.

אַרונטער.

מײַן טונקעלער מזל — אויף װעגן פון אומגליק
און מײַן ליד, מײַן פאַרטרויערטער רוף
צום באַהאַלטענעם חלום,
מײַן רוף אין דער װיסט.

אויף מײַן בליק הענגט דאָס בונטע קרישטאָל,
פון האָפנונג װאָס קומט,
פון איבער צובראָכענע בריקן,
פון תּהומיקן בלינדן סוף,
און דער סוף איז װײט, װײט,
אַזױ־װי דער אָנהויב.

נאָר אין אַנגסטיקן װײטיק,
פון קינדיש־זיך־קניענדער בענקונג,
ציט אַ דינע בלויע סטעשקע,

אַרונטער, אַרונטער,
דער וועג איז אַליין, אַליין,
אַזוי־ווי דער טויט —
אַליין.

פאַרלאָרנווערן

כלי־זיין מיינע. פאַרשעמט אַוועקגעוואָרפענע.
איך האָב איינגענומען אַ זאַמדיקע וויסט.
בתמימות שווייגט מיין ווילן און מיין שלאַפּע האַנט
שטאַרקע אַקסן אַקערן מיין שונא׳ס זומער און לאַנד
אונטער אַ וואַרימען ליכטיקן הימל.
אונטער מיין טראַט וויינט דער שטויב פון דער פרוכטלאָזער
ערד.
אַ, נויט מיינע, גורט אַן מיין גרויען זאַק אויף מיינע לענדן
ווידער
איך גיי אַרוים איבער די הוילע וועגן פון דער וועלט
פון דאַרפשטיבער דרימלענדיקע און פאַרימאַרגנדיק זון־און־
שאָטן.
פאַר טייכן וואָס גייען אונטער גראָז און שאָטן זייער לעבן,
וועל איך דערציילן, און וויינען מיין קלאָג.
ערגעץ אויף אַ שטיין
צווישן וואַלד און אונט,
וועל איך זיצן אַליין אויף גאָטס וועלט.
וועל איך פאַרלאָרן ווערן אין מיין אַליין זיין און קליין־זיין,
אונטערן ברייט־צעצווייגטן בוים פון דער שוואַרצער נאַכט.

מיין גאָט

מיין גאָט איז פאַרפרעמדט, און מיין שטוב איז פאַררוקט
אויף טריבע טראַקטן און אין לופט פון הערבסט,

אינם ריח פון האַרבע טרוקענע סמ׳ען
שטאַרבן מיינע קרובים.
איך בין פאַרגעסן פון זיי.

מיין ווילן ווערט בלינד און וויסט,
אַזוי ווי מיין מזל.
איך מייד אוים צו דריקן די הענט פון באַקענטע,
סיי־ווי בין איך אָפּגעבראָכן
און ס׳וועלקט אונטער מיר די ערד.
איך גיי אַרוים פאַרנאַכט אויף מיין טיר.
מיין שטוב איז אַלעצטס פון דער גאַס,
טעלעגראַפסלופעס שטייען אַליין
גייען אַוועק אַליין.

ווי פון חלום.

עפּעס קלינגט ווי פון חלום צו מיר.
פון פאַרלוירענעם חלום צו מיר.
אַהער אין דער גרוי פון מיין מידער שעה.
איך בין אַליין.

דער וואונדער וואָס ליגט אין העט־ווייט
ווערט הימלדיק בלוי און יונג.
פון אונטערן לייוונט פון וואָך,
זייד פון ערינערונג.

ס׳הייגנט פאַר מיין אויג אַזוי ריין,
אַזוי וואונדערליך גרוים און — קליין.

וואונדערליך העל און דין
און קלינגט ווי פון חלום אַרוים.

קליין איז דאָס לעבן אין מיר,
קליין ווי אויף דער וועלט מיין הויז.

נאָר דורך אָוונטיק-לויטערן בלוי,
און די פענסטער צו מיר,
קלינגט עפּעס גאָלדיק אַזוי,
קלינגט ווי פון חלום צו מיר,
און רופט מיך.

ווילנלאַז.

דורך דער ביטערניש וואָס ווייַנט פאַרשעמט
אין טונקלן קרייז פון מיינע יונגע קראַנקע טעג,
קוק איך אַרוים צו אייך
מיט קלאָרע און אָפענע אויגן:
איך האָב געוואָלט מיין לעבן אָנצינדן אַן אייער ליכט.
איצט וויל איך שוין ניט.

איך האָב געוואָלט אַמאָל אַרויסגיין איבער אייער ברייטן
פעלד,
ווען נייער פרילינג האָט אַרויסגעשפּראָצט
מיט פרישן זון און פרייען הימל איבער אייער וועלט
און ס׳האָט געפלאַטערט פון ווייטסטער ווייט —
און ס׳האָט געשריגן פון דער שטום און בלינד.
איצט וויל איך שוין ניט.

איבערן האַרטן שטיין פון אומגליק מיינעם,
גייען קאַלט פאַרביי אייערע רופן.
אַמאָל נאָך טוט אַ שפּראָץ אַ רויטער טראָפּן: אפשר?
טוט אַ גלי אַ פייערל פייער.
און — איך וויל ניט.

זון.

קלינג שטילער, זילבעריקער ביי מיין פענסטער.
רוף מיר נישט צו זיך אַרויס,
איך קאָן נית קומען.

קלינג שטילער.
איך הער :
העלער דרויסן
גאַסן,
גאַרבן זון,
גרינגע פליגל רוען
אינם מיטנטאָג.
גאָלדענע פליגן
אויף דרויסנדיקע שויבן.
אָ, גאָט,
מיין האַר,
קוק מילד צו מיר
דורך מיין דאַך
לאָז מיך
דורך מידן דרימל
פאַרגיין
אַזוי ריין,
שיין
און גוט.

צום טויער פון אומגליק.

מיט גרויע טריט דורך זיבנטאָגיקע וואָכעדיקע וועגן
מיט קינד און נויט, און זינד און קויט,
שלעפּ איך זיך מיט אייך, קרובים, ברידער און נאָענטע,
צו די טויערן פון גליק און אומגליק.
מיר רוען אָפּ אין שטיבער אויפ׳ן וועג,
צובינדן די קלומקעס און די פּעק,
צושטעלן אונזער דלת־אמות׳דיקן דלות אונטער נייעם שטויב,
שרויפן צונויף די ברייטע און די שמאָלע בעטן,
און רוען אָפּ אַ פּאָר חדשים.
מיר קוקן דורך די פענסטער אויף דער נייער גאַס,
און די נייע גאַס רעדט צו אונז איר שטומפיקע היימישקייט
ביז מיר דערהערן אין אונזער געמיט איר טעמפּן טעמפּ, —
און מיר דערהערן עפּעס לאַנג־באַקאַנטע זאַכן
אינם רודערן און רעדערן פון אירע וועגענער,
ביז עס שטעלט זיך איינער פון די וועגענער ביים טיר פון
אונזער שטוב אַוועק,
און נעמט אויף זיך אַרויף אונזער פאַרעלטערט מעבל,
און מיר גייען נאָך נאָך אונזערע איינגעבונדענע פּעק,
ביז מיר קומען אין אַן אַנדער גאַס אַריין,
שטעלן זיך ביי אַן אַנדער שטוב אַוועק.

זיינען מיר אין אַן אַנדער שטוב.

אין דערדאַזיקער שטוב זיינען די פענסטער אומעטיקער ווי
אין יענער,
ווייל די שטוב שטייט הינטער שווערערן וואָכעדיקן וועג,
און די אָרימקייט וואוינט שוין אין דידאָזיקע גאַסן,
אפשר צוואַנציק טויזנט יאָר.

נעענטער צום טויער פון אומגליק.
פון הינטער דער בלינדער וואַנט פון אונז שטוב,
שטייט אַן אַלטער קלויסטער מיט פאַר׳חושכ׳טע פענסטער,
אויף די פאַר׳חושכ׳טע פענסטער איז אָפּגעמעקט די היימ-
ליכקייט פון דער וועלט
און זיי זעען דאַכט זיך גאַרניט,
הערן גאַרניט,
און ווייסן גאַרניט.
נאָר אַמאָל, אין אַ זונטיק, צי אַזוי אין אַ וואָכעדיקן יומטוב,
צוקלינגען זיך ביינעריקע פינגער אויפ׳ן אַלטן קופּל זיינעם,
ביינעריקע קאַלטע קלאַנגען,
רופן צום טויער פון אומגליק.

מיר וועלן אַרויפוואַרפן אויף זיך די לאַנגע שוואַרצע שאַלן
פון טרויער,
אונטערן דריבנעם בליי פון רעגן, אינם שפּל׳ן פרימאָרגן,
וועלן מיר דורכהויקערן צום טויער פון אומגליק.
מיר וועלן אַרויפגיין אויף די איינגענעצטע גרויסע טרעפּלאַך,
און — אַריינגיין.

פון דער ווייט.

שיילסט אוים מיין לעבן פון אַזויפיל בלענד און בלינדקייט
און ס׳זעט מיין נאַקעטקייט קוים דורך־זיך פאַר דיין קאַלטן
אויג.
באַפרייסט מיך טאָג און טאָג פון קייטן און פון שטרויכלונגען
און איך צי אַלץ אַרונטער אין טויטן תהום אַריין.
כ׳באַהעפט זיך מיט די שאָטנדיקע לאַנען פון אַ ווייט לאַנד
וואָס ציט אין אומהיימליכן צפון־ברעג.
מיינע טריט טרעטן קוים אויף דער איצטיקער ערד.

ווייטער ווי פון אַלעמענס געמיט פרעמדט מיר דער הימל
איצט

איך געדענק נאָר:
אין הינטערוועגנס,
פון מיין קינדהייט צו מיין יוגנט
האָבן זיך געשפרייט פאַר מיינע קלאָרע אויגן פרייליכע
פעלדער.
תבואה איז אויפגעגאַנגען אין אַזאַ יומטוב, אין אַזאַ גאָלד
עס האָט זיך אָנגעצונדן מיט גרויסער זון
אַזאַ ווייט, אַזאַ וועג אין דער וועלט,
און האָט זיך אויסגעלאָשן ווי אַ קליינע ליכט פון ווינט
און מיין טריט האָט פינסטער געציטערט,
מיין ערד איז פול מיט זייטיקע דאָרנדיקע וועגן
נאָר אין דער לופט דערשמעק איך ריחות פון ווייטע רייפע
זומערן
און לידער קלאָרע דערציען צו מיין אויער,
ווי פון הינטער אַ הויכן באַרג.

זי שלאָפט.

שולד און זינדיקייט. קאַלטע שטראָף.
חלומות גרוביקע צעגראָבן טעמפּ מיין שלאָף.
איך כאַפּ זיך אויף אינמיטן רויער נאַכט,
אין דרויסן רעגנט. נאָגט און קריכט און וואַכט,
און אומרואיקייט און גייט מיט שווערע טריט,
און — פאַלט . . .

שולד און זינדיקייט אַנטקעגן זיך און דיר.
עלנט פיינליכער פאַרהאַקט מיין שוואַרצע טיר.
שטומע שנאה זשומעט ביי מיינע ווענט,

פון גאַר דער וועלט, פון אַלעמען און ברענט
און ציט מיט רויטע צונגען זיך צוגליט
און — פאַלט. . .

זשאַווערדיקער בלעך איז אויף מיין לייב די הויט.
אַ, טייערע און עלנטע, זי שלאָפט.
דאָס פענסטער אָפן אין דער נאַכט.
איך קוק אַרויס: אַ, נאָענטער טויט!
אָט, הינטער יענעם שוואַרצן גאַרטנפלויט
ליגט ער צונעויפגעקנוילט און שלאָפט,
כ׳וועל אַ געשריי טון און אים אויפוועקן — —

אַ, טייערע, און עלנטע, זי שלאָפט.

פון גרוי.

האַלבער טאָג און וואָלקנס אויפן הימל.
הערבסט אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט.
עס דאַרבט און וויינט.
אין אַזאַ אומעטיקייט,
פאַרגיב,
מיין אָפגעזונדערטקייט פון דיר,
פון דיר צו אַנדערע מענטשן.

איך האָב אַמאָל אין אַזאַ טאָג געזען,
אַ קו איז געלעגןביים פלויט פון אַ גאָרטן,
אָפגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט.
זי האָט געקוקט מיט אַזעלכע תמימותדיק-אומעטיקע אויגן.
אויף איר ברוינעם רוקן
האָט דער ווינט ליבשאַפט געגלעט.

אומעטיק און גרוי.
פון דער אומעטיקייט ווייט אויך גאָטס חסד אויף דער ערד.
און רחמנות גייט איבער פון אַ טראָפּן רעגן,
וואָס פאַלט, אויפ׳ן שטיין אין וועג,
צי אויף אַ צווייג פון אַ בוים,
צי אין ים אַריין,
ווען ער פאַלט.

טויט.

פון מיינע פינסטערע עבירות
דאָס דערנערגראָז האָט אויפגעשפּראָצט,
אַ, גאָט, דורך גרויע וועגט פון וויסטן אומעט.
האָט גרין דער טויט צו מיר,
די טויזנט אויגן זיינע אויסגעגלצט.

אין מיינע פינסטערע עבירות גרוי איך,
ווי אַ זשאַבע אין איר זומפּ פאַרנאַכט.
מיין רויער שווערער פּיין
פאַרקלינגט די לופט מיט טרויערן.
מיט אומהיימליכקייט.

בייזע טעג און נעכט,
זיי שלעפּן מיך.
זיי וועלן מיך דערשלעפּן שוין
צום קליינעם טויערל
פונם טויטן דאָרף.

אין ווידערהאַל.

אין ווידערהאַל, אין ווידערקול פון מיין פאַרלאָרענעם טאָג
שרייט ווי אַ פאַרצוקטע פייגל מיין פאַרזונקענער פאַרלאַנג.
אַלע פינגער פון מיין האַנט צוצינדן זיך און צונטערן
קראַנק
אין חושך פון מיין נאַכט וואָס ציט זיך ווי אַ שלאַנג
און וויקלט זיך אַרום מיין נאַקעטן געביין,
און אויפן קאַלטן שטיין פון פאַרגעסנקייט וואָס שיילט
זיך אויס
פון פינסטערניש, דערזע איך אַזוי נאַקעט, אַזוי הויל,
מיין אָפּלעבן ביז איצט.
דאָס אָפּלעבן פון מיינע עלטערן ביז מיר, —
אַ שטיבל, אַלט און איינגעבויגן,
אַ צובראָכענע טיר,
קליינע אַשיק-גרויע פענסטער,
אַ שימלדיקער שינדל-דאַך,
אַ שוואַרצער קוימענדל,
אַ בלויליך רויכל ציט זיך מיד און שוואַך
און צוגייט זיך אין דער כמורנער לופט.
מ'שלאָפט.

פאַרלעש איך זיך.

אין פיר צונויפגעוועבטע שמאַלע ווינקלען —
מיין היים און היימליכקייט, מיין זיין-אַליין.
מיין מידער קאָפּ אונטער אַ מאַטער קרוין.
אונטער מיין טראָט איז שוין דער חשבון אָפּגעצויגן,
מיין שטח וועג אין בלענד פון בלינדן טרוים.

הינטער מיין רוקן שטייט שוין איינגעבויגן
באַלייט מיך שטום און אומעטיק־געהיים.

איך בין ניט אַלט נאָך,
די קאַלטע שפּיזלאַך זילבערהאָר
אין וואַרמליכן גלאַנץ פון פריער יוגנטליכער שיין
דערמאָנען קינדיש מיר פון יענער וואונדערליכער וואָר.

איך רוף עס ניט צוריק.
איך בענק ניט נאָך דעם סוד.
אין מיין פאַרלוירנקייט און עלנטקייט, אָ, גאָט,
פאַרלעש איך זיך,
פאַרגעס איך זיך.

אַ ליד.

מיין מזל זינגט אַ טרויעריק ליד.
אַ טרויעריק ליד.
ירושה׳דיקע אָרימקייט אין ווינקל שטייט
שווייגט, שווייגט און שווייגט.
און — אַ פלוצגונגדיקער פראַל פון אומגליק
אין די טירן, אין די פענסטער, אין די ווענט.
אַ שוואַרצער וואָגן, אַ לויה.
עפנט זיך די שטומקייט אין הארץ
און בעט גאָט . . .

גאָט איז ווייט, ווייט.
נאָר פון דער ווייט און ווייט אַרויס
לייכט דער העלער אָנהויב,

ווי פון דער אייביקייט אַרויס
אַזוי קומט אַמאָל צו גאַסט אין טריבן מוט
די קינדהייט מיט אַ גרינעם צווייגל אין האַנט,
קומט גאָט צו גיין,
מיט אַ ליכט און טומאַן פון לייד,
אַזוי קומט גאָט צוגיין.
אין טאָג פון פאַרלאָרנקייט,
און לייכט צו אין וועג...

שטאָל.

איך האָב זיי נאָר איינמאָל דערזען אַזוי קלאָר,
און איצט בין איך בלינד.
און איינמאָל דערהערט זייער וואונדערליכע אייביקע וואָר,
און איצט בין איך טויב.
דאָס וואָס זיי נעמען ביי וועלט און ביי גאָט,
פאַרוואָרף איך פון זיך.
און וואָס זיי באַהאַלטן און האַלטן בסוד,
פארפאלט הינטער מיר.
ווי קין, פאַרשעמט, גיי איך אָפּ פון גאָטס בליק,
מיט מיין קרבן אין האַנט.
און עס טוט אַזאַ בלענד מיר די וועלט און אַ וויג
מיט איר ווייסט און איר גרויס.
נאָר עס ברענט דאָך ניט אויף אין מיין ווייטיק דער כעס
נאָר מיין קאָפּ בייגט זיך שווער.
און דער הימל ליגט קאַלט אויף מיין נאַקן און בלאַס
ווי דער עלנט אין מיר.

אין שטראָף

ביזטו מיר גאָרניט מוחל,
פאַרגיסט מיר ניט
בייז וואָרט ביי מיין טיר
דיין שטראָף אויף מיר.

דו היטסט מיר מיינע טריט,
דו היטסט מיין הויל געביין.
און טומלסט אויף מיין קאָפּ,
און קלאַפּסט אין מיין געמיט:
זיי קליין,
זיי קליין
זיי קליין.

איך בין קליין. שרומפּ איין
איך זיץ ביים שוועל אין אוונט און סרויטלט מיר אין אויג
דער שיין —
עפּעס טראָגט מען איבער אַלע גאַסן רויטע פלעשער ווײַן
מיין שוועל מיידט מען אוים.
מיין טיר זעט מען ניט.

שטראָפסט מיך פריער פון אַלעמען,
און אויף אַ רגע לאָזטו מיר זיך אָפּרוען,
שיקסט מיך דורך אַ הינטער טיר אַרוים
אין וויסטער לאַנגער רגע.
פינסטער וואַרט איך
און בין קליין.
בין קליין,
בין קליין.

טויטער שאָטן

רינגלסט מיך אַרום,
ווען אַרום מיר בליט נאָך ליכטיק.
און יאָרן דאַרפן הויך צעוואַקסן זיך,
ווי בוימער יונגע.

אפילו דאָס וואָס איז פאַרשפּילט
הענגט נאָך באַנג אין טריבן צער.
און איז פאַרהילט, פאַרהילט
מיט גרינער פרישקייט,
ווי גראָזן.

איך בייג זיך, בייג זיך,
גלייך זיך אוים,
קאָן נאָך ניט צונויפברעכן.

רינגלסט מיך אַרום
בלינד קומט אָן די וועלקונג,
שפּרייט געלן גאָלד אויף מיינע הענט,
און רויטן גאָלד אין מיינע אויגן.

ליכטיק

— און כ'האָב זיך שוין ביז איצט דערשלעפּט.
און — בין דערגאַנגען —
אין חלום און אין וואָר פון פּיין פאַרוועבט.
און ווערטער, ווערטער, וואונדערליכע קלאַנגען
פון אַ זיסער נאָענטקייט אַזאַ.

נאַר — שאַ.
זאָג גאָרניט. רעד גאָרניט.
נאָענט איז מיר נאָר דער חלום,
פון יענער ווייטער ערד געוואָרן.
מיין דערגרייכונג, מיין דערהייכונג, מיינע יאָרן
דרימלען אינם שלאָף פון מיינע באַגראָבענע.
איך כאַפּ זיך אויף פון זיך אַמאָל,
און זע —
די זון ליגט שטיל און גאָלדיק קלאָר אין טאָל.
דער טאָג פאַרנייגט זיך שוין
נאָר ס'איז נאָך העל און ברייט — — —
די וועלט איז גרויס און אָפן און איז גרייט
נאָך גרעסער און נאָך שענער ווערן —
— — — — — — — — — — — — — —
טרויער, זינג אויף אין דיינע קלאָרע טרערן
איבערן שלאָף פון מיינע באַגראָבענע.

אַה !

אַ קילער דרויסן.
אַ קליינע הערבסטיקע וועלט.
אין דער לופטן לעשן זיך װאַרימע פלאַטערנדיקע פליגל.
עס מעקט זיך אויס,
בלאַסט זיך
דער גוטער צוזאָג אין אַ ליכטיקן וועג אריין :
אַ לאַנגער גאַנג, ניט מיד־ווערן.
אַ גאָלדענער טאָג אַ ברייטער,
ביז איבער די ווייטסטע לאַנען.
הויכע בערג באַגעגענען.
ריטערליכע שלעסער אויף די שפּיצן

ברייטע טאָלן —
דאָס דאָרף פון די פשוטע מענטשן.
קי, שאָף און רינדער.
ברונימער,
ברייטע טישן.
ברויט.

אָה !

יעדע קלענסטע פרייד וואָס דו האָסט מיר צוגעוואָרפן חלומען
האָט זיך אַזוי געצונדן
זיך געצויגן, זיך געבויגן.
שטיקער פון אַ צובראָכענעם רעגנבויגן.
און — פאַרשוואונדן.

ווייס

ברענג מיר אין טאָל פון לעצטע שאָטנס און פון קלאָרן שווייגן.
דער סוף איז הינטער מיר. גיב מיר אין דער האַנט אַריין
דעם ווייסן זייד־פאָדים פון נייעם רואיקן אָנהויב.
מיין האַנט ווערט טויט. די פינגער ווערן ביינעריק פאַר־פראָרן.
מיט אַ טויטער האַנט וועל איך מיין נייעם אָנהויב וועגן
ווייסן ווינטער איבער זיך פאַרוועבן.
ווי ווייסער זילבער דעקט אַ זקנס קאָפּ און באָרד.
כהאָב מיינע יאָרן ניט געלעבט ווי שטאַרקע ביימער,
ווי וועלקיק גראָז צי איך אין מיין הערבסטיק לעבן.
בראָנזיק גאָלד פון בלוטיקן פאַרגיין אויף זומפּיקע הינטער־וועגן

ברענט אין די שוואַרצאַפּלען פון מיינע אויגן.
די ווענט פון מיין הויז זעען, הערן.
די ווענט פון מיין הויז ווייסן און שווייגן ווייס.

קראַנק

אין מיין פאַרסמטן בלוט
קוועלט אויף רויע קעלט.
אויף דער ערד
האָט ווינטער זיך געשטעלט.

ווייסע טויטע נעכט און טעג
און איך שרומפּ איין,
אין וויסטער קליין
און קעלט.

אין זילבערדיקן קלאָר
אין ציטערדיקן ווינט און בלענד
ווייט מיין האַנט אַרום
זוכט העלע טריט,
קליינע העלע טריט
ערגעץ ביי אַ ברעג . . .
ערגעץ אינדערמיט . . .

איך געפין, געפין די טריט.
און דער טאָג איז דין,
און דער טאָג איז ווייס
ווי אַ קלאַנג
און אַזוי איינזאַם קראַנק,
פאַל איך אין דער קעלט,
אין דער וויסטער ווייס.

וואו?

כ׳לויף דיר נאָך אויף אַלע וועגן
און דערגרייך ניט.
אויסבאַהאַלטן און אַנטשוויגן
איז פאַר מיר דיין קינדיש ליבער פּנים.
דיין ווייסע האַנט.
כ׳האָב דיין האַנט
אַזוי בלינד אַרויסגעלאָזן.

וואו?
וו־א־א־או —
כ׳וועל דיך שוין ניט האָבן
אין מיין ענג באַוואוין.
אין מיין ענגן אויג
קלעמט אַזוי־ווי שטאָל
מיין פּיין.

צימערן מיט טאָג און זון.
צימערן דריי.
דאָ אַ פענסטער,
דאָרט אַ פענסטער,
און — דאָרט אַ פענסטער.
ווייטע שטימען קלאַפּן אין די פענסטער

און — די טיר איז אָפן.
און איך קוק פונווייטן —
אפשר וועט זיך פּלוצלינג ווייזן
אויף דער שוועל דער קליינער שאָטן.

אויפֿן קראַנקן בערגל

כ'האָב מיך פֿאַרזעצט אין גרין זיך אָפּרוען פֿון פּיין.
די ערד איז גרוים און גוט מיט ברייטע מוטיקע טעג.
שוין דריי שעה אַז איך זיץ דאָ אויפֿן גראָזיקן בערגל.
דער פֿאַרנאַכט שאָטנט. איך רוק זיך צו צום יונגן בוימל,
טוליע זיך צום דינעם שטאַם זיינעם. פֿאַרמאַך די אויגן,
און רעד צו זיך:
פֿאַרמאַך מיין לעבן דאָ אונטערן יונגן בוימל. איך בין
אַליין אַזוי.
איך האָב ניט מער קיין וועג צו קומען צו מיינע נאָענטע
און זאָלן זיי, די מענטשן אונטן פֿונם גרינעם האָטעל,
פֿאַרגעסן און ניט רופֿן מיך צו די ווייסע טישן
באַלד קומט שוין אָן סעפּטעמבער, וועלן זיין אַוועקפֿאָרן,
צומאַכן דאָס הויז, טיר און פֿענסטער מיט ברעטער פֿאַר־
שטעלן
איך וועל זיך אויסציען אַליין דאָ אונטערן בוימל:
אָ - - - - - ל - - ל - - י י -
און : .

אינדערפֿרי.
די זון גייט אויף
דער הערבסט בליצט רויט
פֿון שפּיצן בוימער אַראָפּ
און איך ליג ווי אַ קראַנקער הירש אין בלוטיקן בלעטערפֿאַל
דערוואַרים מיך. כ'בין נאַקעט. כ'בין לעצט, כ'בין געל,
אַ קליין קראַנק בוימל ווײנט צו מיר פֿון הערבסט אַרויס.

אונטער הערבסטיקער לבנה.

גרינער פרילינג האָט היינט געפּאַכט איבער ניו-יאָרק,
וואַרימע בלעטלאַך זון זיינען געפלויגן ביי מיינע פענסטער
און כ'האָב אַזוי פיל געטראַכט פון דיר, טייערער ברודער,
נחמיה.
איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַ וואָכעדיקן טאָג,
ס'איז שוין געווען סוף זומער, און ביים בריקל פון דיין
הילצערנער שטוב,
זיינען געלעגן עטליכע ווייסע הינדלאַך, זיך געוואַרימט אין
אומעטיקער זון ,
מיר זיינען ביידע געשטאַנען נעבן דער בלינדער וואַנט פון
דיין שטוב,
גרויסער שטח ערד, וועלקנדיקע שטיקלאַך וואַלד אַנטקעגן,
נאָר דער הימל איז געוואָרן קלאָרער און טיפער,
אומגעריכט אַזוי האָב איך אויף דיר אַ קוק-געגעבן,
און האָב דערזען דיך אין וואונדערליכער זוניקייט פון
הערבסט,
ווי די וועלקנדיקע שטיקלאַך וואַלד
וואָס שטייען אַזוי מיד אַנטקעגן דיין שטוב,
אַזוי ביזטו געווען, מיין טייערער ברודער נחמיה.

אָט דאָרטן, אין טאַליקן וועג-אַראָפּ
וואו די אַלטע ליידיקע שטאַל בויגט זיך,
צווישן די קוואַרנדיקע העלצער און צווייגן —
וואָס איז דאָרט?
וואָס איז דאָרט אַזוי קאַלט און שוואַרץ?

ווי פאַרלאָרן דיין שטוב איז געשטאַנען דאַמלט
אונטער דער הערבסטיקער לבנה און שטערן.

פאַרברענט.

מיין קרבן ליגט פאַרברענט אויף דיין מזבח.
און העלישער האָט זיך די פיין אין מיר צופלאַמט.
מיין גאָט, מיין עלנטער, כ׳האָב אינם רויך און ריח
פון מיין ריינעם בלוט מיין קאָרגע רו פאַר׳סמ׳ט.

דיין פאַרגעבונג האָב איך אָפּגעוואָרפן.
אין טמא׳ן בייז און שלעכטס האָב איך די הענט
געטונקען און צו האַרצלאָזע און קאַלטע שאַרפן
מיין אויסגעשטראָפּטן לעבן צוגעווענדט.

מיין טויט — אַ אינגעלע וואָס שפּילט זיך אויף די שוועלן
אין זונשיין פון די רייכע און צובליטע שעה׳ן.
מיין שרעק — אין בלויען הימל, אינם העלן
גאָלד פון טאָג, אַ מחנה יונגע קראָען.

אין וועלכע לענדער, וועלכע ברעגן וועט איר לאַנדן,
שוואַרצע פייגל, שוואַרצע טויבן אין די הויכן ?
ביים מערב לעשן זיך די וואונדערליכע ווינטער־ראַנדן,
די רויטע שויבן אין די טויטע שטיבעלאַך פאַרבלייכן...

אַראָפּ.

פּירסטו מיך אַראָפּ
אינם טאָל פון טויט.
איינגעבויגן, הינטער מיר,
שטייען שטומע בערג.
שאָטענען.

די לופטן פונם וועלקן לאַנד,
נעמען מיך אַרום
מיט ווייסע הענט.

אייגן איז מיר
די שטילקייט דאָ,
אינם וועלקן לאַנד
ליגט די קליינע נחלה
פון מיין קינד.
קאַלטע הענט
נעמען מיך אַרום,
טוליען מיך צו זיך,
און דערוואַרימען.

צו מיין ברודער נחמיה.

118

גאַנץ פרי.
מ׳וועט דיר קומען רופן.
דו וועסט שוין וויסן. וועסט ניט פרעגן
וועסט דיין אַלטן מאַנטל אָנטון,
און וועסט גיין.

וועסט קומען.
נעבן מיר זיך זעצן אויף דער ערד.
אויף מיין אָפּגעדעקטן פנים וויינען שטום,
אויף מיינע צוגעדעקטע פיס
דיין קאָפּ אַוועקלייגן.

דאָס געוויין פון אַלעמען אַרום מיר
וועט ווייט פון דיר פאַרקלינגען.

מיין רו וועט אויפגיין איבער דיר,
פון מיינע צוגעמאַכטע אויגן,
פון מיינע צוגעדעקטע פּיס,
ווי ערשטער שניי און קאַלטער קלאָרקייט
איבער ליידיקע פעלדער.

און אַז מ׳וועט מיך אויפהויבן פון דרערד,
פון שוועל אַריבערטראָגן,
וועט זיך מיין רו פאַרשפּרייטן
איבער אַלעמענס קעפּ,
אונטער אַלעמענס טריט.
און שטיל וועט מען נאָכגיין נאָך מיר...

קוים...

איך געדענק קוים:
עפּעס האָט געמאָנט,
געשריגן פון דער שטום,
געבעטן אַזוי נויטיק,
נעכטן ערשט.
און ס׳איז אַצינד אַזוי ניט גלויביק
און אַזוי ניט קלאָר.
אַזוי ניט קלאָר
דער איינגעקלעמטער ווייטיק.

נעפּלדיק, צובלאָזן
אַלע הויכן, ווייטן,
ווינטיק און צעוויייט,
דאָס שווייגן, רייד.
שטאַרן אַלע רויקייטן אַרויס

פון די צוברענטע הויטן —
נעכטן ערשט,
און ס׳איז אַזוי ניט קלאָר.
אַזוי ניט קלאָר
פונדערנאָענט . . .
פונדערווייטן . . .

שטיינעריק.

מאַני לייבן

אַ שאָטן פון מיין איילנדיקן סוף
גרויט אויף אין ליכט פון יעדן אינדערפרי.
איך לעב אין אָנהויב פון מיין לעצטער שטראָף,
ביים אויפוואַכן צום שאָטן פון מיין סוף.

איך גיי פאַרשולדיקט פון מיין שטוב אַרויס, —
אַ טריבער מענטש, אין שווערקייט איינגעשפּאַנט.
ביסלעכווייז ווערט אַלץ מיר פרעמד און אומבאַקאַנט,
און ציט זיך ווייסט פון מיין רשות אַרויס.

גאָטס ערד. גאָטס טאָג, גאָטס ליכטיקייט מיט מיר,
און זיין גענאָד — מיין גרויע קלייד, מיין אָרים ברויט.
מיין טיש, מיין בעט, מיין מידער גוף שלאָפט איין,
און ס׳וואַקסט און צווייגט מיין טויט —
אַ ברייטער דעמב אַריבער מיר.

פאַרשטעלט די וועלט,
אין פרעמדקייט איינגעהילט.
און אייביק אָפּגעהיט מיין אויסגעוויינט געביין.
אַ שטייניקער נאָמען אויף אַ שטיין.

ווינדזאָר פּאַרק

געפאַלענער, פאַרפאַלענער אין אַפּפאַל פון ניו־יאָרק,
קעגן מאָנומענט, און טויטן קאַלטן ליכט אין ווינטערדיקן
פאַרק.
הינטיש ליגט דער שאָטן אונזערער אויפ׳ן ווייסן טאָג
אונטערן דאָרן בוימגעצווייג.
און פונדערווייטנס וואַקסט אַרוים דער רייכער ווינדזאָר
סטיישאָן,
פון קאַלטע לענדער קומט מען און פון וואַרימע.
מיט זילבערוואַלד רוישט די גאַס.
רייך.

וואוהין ווילסטו זאָלן מיר זיך אוועקשלעפּן אַצינד.
אַריינגיין אינם וואַרימען ווינזאַר־זאַל,
זיצן אין וואַרט־צימער אויף די ברייטע בענק,
שווייגן, וואַרטן גלייך מיט אַלעמען.
וועט אָנקומען אַ רייכגעקליידטער,
מיט פרישע קאַלטע אויסגעוואַשינע אויגן,
און וועט אונז דערקענען?

אין דער וועלט האָבן מיר דאָך פריינט צעלאָפענע.
פאַרשלאָפענע יאָרן האָבן מיר גענורעט זיך פאַראַרימטע.
ווינטער נאָך ווינטער זיינען מיר געגאַנגען ווי פאַרעלטערטע
בעטלער
געזאָפּט אין זיך די קאַלטע ווייסקייט
פון די ברייטע לאַנגע טרעפ פון נאָטרעדאַם,
ווען די אַרמיי אין געלן אוניפאָרם, (וואָס איז חדשים־לאַנג
אין שטאָט געשטאַנען,)
פלעגט יעדן אינדערפרי צו גאָטסגעבעט אַריינמאַרשירן אין
די ברייטע טירן, —

מיר האָבן געקוקט מיט פרומער קנאה.
און אוועקגעגאַנגען מיט קרומער שנאה,
אין דעם „רויטן דיסטריקט“.

פיר.

הינטער מיר איז געבליבן מיין שטוב נאָך אין גרוי פון שלאָף.

דאַן זיינען זיי, איינס נאָכ׳ן אַנדערן — פיר.
אַריין און געלאָזט זייערע שטעקנס אין ווינקל ביים טיר.
די פאַרהאנגען זיינען אַרונטערגעהאנגען און האָבן פארשטעלט.

אין קיך זיינען זיי שטומע געזעסן און האָבן געוואַרט.
פון די ווענט איז אַ פינסטערניש רויכיק געראָנען
און ס׳איז ווידער געוואָרן נאַכט אין מיין שטוב.
פולע נאַכט אין מיין פאַרלאָזטער שטוב.
דאַן האָבן זיי אויפ׳ן אויוון אַ פייערל געמאַכט
און אויפגעקאָכט טיי.
זיי זיינען געזעסן — פיר
ביי די פיר זייטן פון טיש.
פיר גלעזער טיי,
אַזאַ געלע מעשענע טיי.
און אַז זיי האָבן אויסגעטרונקען די טיי,
האָבן זיי אַלע ווי איינער — פיר
זיך אויפגעשטעלט הויך.
אַלע פיר אין איין הויך, אין איין גרויס,
אַלע פיר מיט איין שווייגן אין זיך,
אַלע פיר מיט איין־איינציקן טראַט.
זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען.

איך האָב איר געפרעגט.

און אַז זי האָט דעם קאָפּ פון טיש אויפגעהויבן
האָב איך איר פאַרלוירן אין פיינליכן צער, געפרעגט:
ווער זיינען זיי געווען, די פיר מענטשן?
און זי האָט מיר געענטפערט:
איך ווייס ניט.
איך ווייס ניט.
און זי האָט מיר געענטפערט:
זיי האָבן מיר גאָרנישט געזאָגט,
זיי האָבן מיר גאָרנישט געפרעגט.
זיי האָבן אויף מיר ניט געקוקט,
ווען איך בין אַרויף אויפ׳ן שוועל פון קיך,
און בין באַלד אַרויס.
איך האָב נאָר געהערט ווי זיי זיצן אין קיך,
איך האָב נאָר געהערט ווי זיי שווייגן אין קיך,
אַזוי שווער, אַזוי שווער.
און כ׳האָב מורא געהאַט,
איך האָב מורא געהאַט,
און — געהערט . . .

שטום.

דורך העלער אומשולדיקער זינד
האָב איך דיר איצט געבראַכט,
די שאָף פון מיין געוואַרימטער ליבשאַפט
פאַר אַ ווייסן קרבן.

איך געדענק . . . און ווייס . . .
און הער און זע. איך זע:

ס'איז אַלץ פאַר פריער . . .
דו פאַרגעסט נישט און שטראָפסט
איך געדענק, געדענק
און לייד.

נאָר פאַרוואָס קלאַפּט אויפ'ן ברעט פון האַרץ ביי מיר
דער טעמפּער גרויל פון שולדיקייט.
און מיין נשמה איז צוביסן,
און איך ענג זיך
און איך וואַרג זיך
אין אַ שטיינעריקע שטומקייט
וואָס הענגט רוי איבער מיין קאָפּ
און וועט קיינמאָל ניט אויסשטומען
און וועט קיינמאָל ניט אויסברומען,
און — פאַלן . . .

אין נייער וואוינונג.

דו ביזט מיר געבליבן אזוי איינער אליין.
כ'בין געקומען אין אָוונט אַהיים.
ביזט געזעסן ביים טיש און געוואַרט,
געטונקלט צעווישן די ווענט.
דו האָסט מיך געזען.
האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט.

(צוויי וואָכן אַז מיר האָבן אונזער וואוינונג באַנייט.
האַרט ביי דעם ברייטן פענסטער שטייט אַ שטיק
ליכטיקער ים.
ביי‌טאָג איז ער זילבערדיק-העל,
און ער גייט אין צען לענדער אַוועק

פאַרנאַכט איז בלוי,
און שטייט ביי אַ היימישן ברעג)

איך נעם אָן דיין האַנט.
זעץ זיך אַוועק נעבן דיר און שווייג:

דורך וואַסער אַ וועג זאָל איך גיין מאַכן שלום
מיט גאָט.
דורך וואַסער אַ שטעג זאָל איך פירן דיין אויס-
געווײנט האַרץ

אַז דו זאָלסט דערזען נאָך,
אין בלוי פונם ווייט ביי דעם ברעג פונם טייך.
דאָס קעפּל מיט זיידענע האָר.
דאָס העלע בלויע קול.

א מעשה.

פאַרהילן וועט זיך ניט און ניט פאַרהיילן.
דיין האַנט איז גוט און גלעט מיך אַזוי לינד.
ס'איז ווי אַ מעשה'לע וואָס לאָזט זיך קוים דערציילן.
אַ מעשה'לע פון אַ פאַרלאָרן קינד.

טרויעריקע הימלען וויינען אין די שויבן.
אונזער העלער יומטוב איז פאַרשעמט.
אָנגעצונדן האָט זיך איבער אונז אַ גלויבן,
ווייס ווי דיין לייב, ווי אויף דיין לייב — דאָס העמד;

אָוונט-וואָלקנס ברענען שאַרף און בלאַנקען
לעשן זיך און גייען טריבע אויס.
ווייטע, שטילע צאַנקענדיקע קלאַנגען
קלינגען קלאָר און לעשן טויב זיך אויס.

רופט מיך ניט.

מיט קאַלטע בליקן נעמען מיך אויף די ווענט פון מיין שטוב
איך קום ניט צו קיינעם, —
איך קום בלויז נעכטיקן אין מיין שטוב.
נאָגנדיקע טעג און נאָגנדיקע געדאַנקען —
ווערים אויף מיין פינסטער האַרץ.
איך וויל אויפנעמען מיט גאָרן ליידן מיין שטראָף
און איך האָב קיין רו ניט.
מינוטנווייז דערהער יומטוב׳דיקע קלאַנגען ביי מיין וואַנט,
אַ פּראָצעסיע שאַרט זיך, שאַרט זיך.
אַ געזאַנג זעגט דורך די גאַס
און רופט מיך ניט.

רופט מיך ניט.
ציט פאַרביי מיין בלינדע וואַנט
ציט פאַרביי.
ציט פאַרביי
מיין טויטע שטוב.
מיין פייניקן,
מיין פאַרגעסן זיך.
פון אונטער שטיין
וויינען וויטיקן.
שוואַרצער שלאָף
וויגט און וויגט זיי
און פאַרוויגט זיי ניט.

פאַרגעסן-ווערן.

חורבן אין מיין יעדן טאָג.
פאַרשלאָסן איז מיין טיר פאַר טרייסט.
פריינט מיינע אין ווייטע גאַסן און אין ווייטע שטעט.
פון אייער רו און היימליכקייט זאָלט איר צו מיר ניט קומען
ווען איר וועט מיין צער דערהערן.
כ'האָב זיך אַרויסגעצויגן אין אַ קליינעם ישוב,
ווייט הינטער ניו-יאָרק,
צווישן פרעמד און פרעמדע מענטשן
וויל איך מיין אבלדיקן קאָפּ באַהאַלטן.
וויל איך מיין טרויער אויסוויינען.
צווישן דעם פאַרוואַקסענעם שטיק וועג
וואָס געלט און וועלקט
וויל איך שטום ווייטיקן.
דאָרע, לאַנג-שוין טויטע בוימער באַגעגן איך דאָרט,
איך שטעל זיך אָפּ לעבן זיי, קוק זיך איין,
און הער זיך איין צו הימל זאָון ערד.
אַמאָל טריפט בלייאיקער רעגן
קעצישער שלאָף און פוילקייט
ציט זיך מיד איבער די וועגן.
אין דער גרויער הוילקייט.
קלענער ווער איך,
קלענער מיינע טריט
קליינע קוקן מיינע אויגן
פון שטיינעריקן שטערן אַרויס
בלייבט שטיין אַ הויז.
איז דאָס דאָס הויז?...
איך געדענק עס.
איך דערזע זיך

נעבן דאַזיקן הויז,
ביים טיר.
אַנטקעגן רעגן
אַנטקעגן דעם גרויסן בוים
די בלעטער שיטן זיך
אַריבערן פּלויט,
געלע און רויטע,
און גרינע.
נאַסע ביטערקייט.
אינם קליינעם ישוב דאָ הינטער ניו־יאָרק,
ווייל איך פאַרגעסן־ווערן.
אין דער פרעמד פון ווייטע מענטשן און שטיבער
ווייל איך פאַרשלאָסן־ווערן,
ווי הינטערן פּלויט פון א בית־עולם.

בלוי.

בלויע אויגן פון... פאַרגעסט מיך ניט...
לייכטן ווייַנענדיק אין מיין געמיט.

לייכטן וויינענדיק און שמייכלען שיין,
שמייכלען שיין און שלאָפן איין.

היינט וועל איך איבער דיר וואַכן שטיל
היינט וועל איך ניט שלאָפן גיין.

שטאַרקע נאַכט איז אָנגעפאַלן. קאַלט.
שרעק און שמאָלער וועג און שוואַרצער וואַלד.

דורכן שלאָף אַרוים לייכטן אַזוי מיך... —
אוי, פאַרגעס מיך ניט, פאַרגעס מיך ניט...

גיפּטיקט מיך.

גיפּטיקט, גיפּטיקט מיך, אַ סמ׳יקע יסורים,
פּירט מיך אין דער נאַכט אַרוים אַ וויסטן און אַן אַלטן —
טויטער קאַלטער זילבער זאָל מיין קאָפּ פאַרפּראַסטיקן
טויטער חושך זאָל מיין בליק פאַרציען.

אויב מיר טוט נאָך באַנג אַמאָל מיין אומגעוואָרפן לעבן,
אויב מיר טוט נאָך ווי אַמאָל מיין ניט־דערליכטיקט מזל,
וואָס כ׳האָב קיין זאַך ניט צו מיין טונקלקייט דערנענטערט,
איצטער טוט מיר שוין ניט באַנג. בין רואיק.

ניט דערהויבן, ניט דערהויבן, בלויז אַ קליינעם אָנדענק
אין דער וועלט פאַרוואָרפן. בלויז אַ זילבערן צייכן, —
אַז דו ביזט געווען. געוועזן מיין ליכט און ריינע ליבשאַפט
מיין קלאָרע וואָר אין חלל פון חלומות.

אומעטום איז מיר איצט אָפענער און רויער קבר,
כ׳גיי ביי זיינע ווייכע ווייטיקדיקע פרישע ברעגן.
און ביינאַכט שלאָף איך מיט דיר אין אומרואיקער טויטקייט.
גיפּטיקט, גיפּטיקט מיך, אַ, סמ׳יקע יסורים.

מלאך.

יונגער, שלאָפנדיקער, קליינער מלאך.
אונטער דער ווייסער ליכטיקער מצבה.
איך בין געקומען איינהילן זיך אין דיין שווייגן
איך בין געקומען איינוויגן זיך אין דיין חלום.

ביזט אזוי ווייניק אין מיין וועלט געוועזן.
קוים וואָס דיינע האָר האָבן צובליט זיך.
קוים וואָס דיינע ליפּן האָבן וואָס געשעפּטשעט,
און דיין הענטל — מיך אָרומגענומען.

אַזאַ גאָלדן זייד האָסטו געשפּונען
אין דער רויער גרויקייט פון מיין לעבן.
אין דער פינסטער פון מיין וואָכיק וואָכן,
אינם בלוט פון אויסגעברענטן ווייטיק.

אויסגעוואקסן ווי אַ דעמב א גרויער
איז דער צער אין מיין געביין אַצינדער.
שווער שלעפּ איך דעם שטיין פון מיין אבלות
אין ענגער גאַס צעווישן פרעמד און אייגן.

יונגער, שלאָפנדיקער, קליינער מלאך
איך בין געקומען איינוויגן זיך אין דיין חלום.

דו.

איך בין ניטאָ.
איך בין ניטאָ.
איך בין — דו.
איך שטרעק מיין קליינע האַנט אויס — דו.
איך בויג מיין קאָפּ פון בעט אַראָפּ — דו.
מיין אַליין בלייבן אין שטוב,
מיין אַרויסבליקן פון איינזאַמקייט,
מיין קומען שפּעט אין שטוב,
דיין אויפכאַפּן זיך פון שלאָף
מיך זען, דערזען
און — איינשלאָפן.

דיין קליינער קאָפּ.
הויך פון ליבשאַפט
אויף די אָפענע ליפּלאַך פון שלאָף.

דיין קול,
דיין לויטער הארץ,
וויינט אַרויס פון מיר.
דיין לעבן. —
מיינער איז געשטאָרבן.
מיינעם האָט מען אין אַ הילצערן קעסטל
צום בית־עולם אַוועקגעפירט.
פרילינג איז געשטאַנען ביים טויטן טויער
און האָט געזען.

גאָל.

דו האָסט אַרויסגעהאַנגען אַ שוואַרצע פאָן אויף מיינע הימלען.
מיין פאַרבראָכן האַרץ טרערט בלינד־פאַרשלאָגן
אין פאַרקוועלטן קאַלטן קלעם.
מיט וואָס דו ווילסט און קאָנסט פאַרפייניק מיך שוין ווייטער, און פאַרשעם.

פאַרשעמט אין שמאָלער גאָס מיין טריט.
איך דערוויטער זיך,
באַהאַלט פון מיינע נאָענטע מיין שולדיק־אומשולדיק געזיכט,
דו האָסט אָפּגעטון פון מיר דיין ליבשאַפט און דיין ליכט —

דאָס ליכטיק שטעגל וואו דו האָסט מיך צו דיין שטאָט געפירט,
צום טעמפּל וואו עס ברענט אַ שטילער יאָרצייט־קנויט,
צום הויף, וואו ס׳ליגט דאָס אָפּגעזונדערט שטיקל ערד — מיין טויט.

מיין טויטע נחלה — אויסגעוועלקטע יאָר.
מיין האַרץ אַן אויסגענאָגטע פייג.
אַ קאַלטער רויער מערב־הימל שטאַרט פאַר׳צער׳ט אַנטקעגן מיר,
מיט אַ גרין־פאַרגאַלטן הינטיש אויג.

פֿאַריאָג מיך ניט.

גלות אין קול, און פֿינסטערע באַשולדיקונג,
צו וואָס? אַז ס׳מעג שוין אַלץ אַצינד געשען און זיין.
צופּליקט די קייט פֿון טויטער שרעק אַרום,
קוקט גלייכגילטיקער הימל אין מיין שויב אַריין.

נאָר עפּעס זאָגט נאָך מיר מיט מידן צער,
און אַזוי תהילים׳דיק, אַ וואָרט, אַ פֿיינליך וואָרט:
כ׳האָב אויף דיין ערד קיין רוואָרט ניט געהאַט,
איצט האָסטו מיר געשענקט שוין אַזאַ אָרט.

עס פֿירט אַהין אַ הינטערשטאָטישע טראַמוויי.
אַ סטעשקע באַרג אַרויף און באַרג-אַראָפּ,
און דאָרטן ליגט אונטערן דעק פֿון ווייסן האַלץ
מיין רו איבער איר קליינעם שיינעם קאָפּ.

תמיד האַלט איך וואַך מיין האַנט אַרום איר גוף
תמיד ליגט מיין האַרץ אויף איר און טרערט.
און אויף מיין האַרץ, און אויף מיין האַנט ליגט
שווער
די שטיקער קאַלטע שטיינעריקע ערד.

מיין געבעט: פֿאַריאָג מיך ניט פֿונדאַנען מער.
פֿון ווירבל פֿון ניו-יאָרק וואו איך וועל אומפֿאַלן
אַמאָל,
זאָל מיך אַרויפֿפֿירן דער טויט-וואָגן אַהין
די סטעשקע באַרג אַרויף אין יענעם טאָל...

אַ קבר.

איך ראַם דיך איין אין ענגן רוים פון מיינע לידער,
פאַרגליווערט, קאַלט אין אַ קרישטאָלן ליכט.
אָ, קליינער שטערן פון מיין פינסטערן הימל,
מיטן קינדערשן און וואַרימען געזיכט.

דורך דיר האָט זיך געוועקט מיין ערד צו קלאָרע הימלען
דער וועג איז אויסגעלאָשן און איז אָפּגעמעקט.
אונטער דער בלינדער וואַנט פון טרויער, אַזאַ הילפלאָזער
איז צו דיין ווייט מיין אָרעם אויסגעשטרעקט.

איך דערגרייך נאָר שטיקלאַך אָנדענק, שטיקלאַך אָנהויב,
קראַנקע קלאַנגען לעשן זיך און צאַנקן אויס,
אָ, קליינער שטערן פון מיין פינסטערן הימל,
וואָס ביזטו אַזוי קאַלט ? וואָס ביזטו אַזוי ווייס ?

פון איצטער.

פון איצט־אָן.
ועט מיין לעבן ברענען ווי אַ יאָרצייט ליכט נאָך דיר
און אויף מיין נויט און אויף מיין אָרימברויט
וועט מוטלאָז אויסוועלקן מיין אומעטיק ליכט.
ווילנלאָז וועט שוין מיין האַנט פאַרדאַרן
און פונם גאָלד, און פונם יומטוב,
וואָס ווערט געזאָגט און צוגעזאָגט,
וויל איך זיך אויסבאַהאַלטן
און אַנטלויפן.
איך נעם אַלע לייד און פיין צונויף,
און וויקל זיך אין זיי און וויקל זיך
און אייל זיך צו דיר קומען פרי.

מיר וועלן רופן . . .

אין נאַכט. אין וואַכן פּיין. רוף איך דיין ליבּ מיט קראַנקער לוסט:
וואַרים מיך איין אין דיינע אָרימס, און רעד צו מיר געטרייסט.
איך וויל הערן איינגעשטילטקייט אין דיין קול
און יונגקייט אין דיין ווייסן לייב.

זינט ס'האָט דאָס אומגליק שטומקייט אַנגעוואָרפן אויף אונזער שטוב,
רעדסטו מיט אַזאַ מורא אין דיין האַרץ צו מיר.
איך גיי דיר דורך און בין פאַרזען, בין ווייט.
פאַרוואָס ביזטו מיר ווייט?
רופסט מיך ניט?

אין דאָרף אָט־דאָ פאַרוואָרפענע אויף וואָכן אויסגעצויגענע, אליין.
פון רויען רעש פון ניו־יאָרק ווינט קינדיש־פיינליך אונזער אומגליק צו אונז.
פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט די גאַס, דאָס אָרט?
אַזויפיל קינדער שפּילן זיך דאָרט אום.
און מ'רופט דיין נאָמען . . .
און — מ'רופט . . .

ווען אַלע וועלן דאָ שלאָפנגיין, וועלן מיר זיך אָננעמען פאַר די הענט.
מיטן זייטיקן וועג וועלן מיר אַוועקגיין צווישן וואַלד און באַרג.
און דאָרטן אין געדיכטן וואַלד אין נאַכט,

דאָרט וועט קיינער ניט זיין,
וועלן מיר ביידע רופן . . . רופן . . .
מיר וועלן רופן פון וואַלד אַרויס,
פון דער נאַכט אַרויס . . .

ביים מצבה-שטעלן.

דו מוזט, איך מוז. מ'מוז פאַרשוויגן וואַרטן.
איך שפּאַר זיך אָן אַ ווייל אויפן מצבה-שטיין.
די צייט פון צער, ווי אינדערפריען און פאַרנאַכטן,
און ווי די זון — גייט אויף און טוט פאַרגיין.

נישט אין מיין האַנט און נישט אין דיינער איז געגעבן
די מאָס צו מעסטן ביזן גרעניצדיקן ברעג.
זע, אין אַלע שטיבער שטייען פענסטער אפענע צום לעבן,
און איין האַרץ גיט מיט פרייד צום צווייטן זיך אַוועק.

מ'מוז — דערזען — דערהערן — און — אַוועקגיין.
דער טויטער וואָגן לויפט אין אייל אַרויס פון שטאָט —
צעווייט דעם טרויער אויף די אומענדליכע וועגן
אין שאָטן, איבער וואַלד און פעלד — אַ סוד.

דו מוזט, איך מוז פאַרשוויגן וואַרטן
די טייערקייט פון נאָמען לויטערט אין געמיט.
די צייט פון צער ווי אינדערפריען און פאַרנאַכטן,
און ווי די זון — גייט אויף, פאַרגייט און — לעשט זיך
ניט.

ווייס.

איך האָב אַרויסגעהאַנגען אַ ווייסע פאָן.
שונא, איך טרעט דיר אָפּ מיין לאַנד.
איך באַדויער נאָר מיין קריג מיט דיר ביז איצט
מיין אומזיסטן סם אין האַרץ
מיין לאַנגן שאַרפן דעם שווערד.
שונא, נעם צו מיין לאַנד, מיין האָב און רייך.

מיינע וויינגערטנער וועלן דיר אַנטקעגנקומען רייפע
און צובליטע אויפן וועג.
מיין חייל און מיין דינערשאַפט שטייט גרייט צו
בוקן זיך
פאַרן ערשטן שטאָלצן טראָט דיינעם,
אויפ'ן שוועל פון מיין פאַרלאָזטן פאַלאַץ.
איך האָב געזעגנט זיך מיט זיי,
און זיי איבערגעענטפערט צו דיר.
זיי האָבן אָנגענומען אַלץ פאַר ליב
און וואַרטן אויף דיר.

איך וועל פונוויטנס האַלטן זיך.
אַ שטילער אָרימער אונטערטאַן.
דורך די לעצט-געבליבענע זומערטעג
וועל איך פאַרנומען זיין אין שמאָלן הינטערגעסל,
אין לעצטן הינטערגעסל נעבן בית עולם,
וואו די אָרימע לייט וואוינען.
איך וועל צונויפשלאָגן פאַר זיך אַ שטיבל.

צו דער צייט,

און קיינמאָל אויף קיין איינציקן טאָג ניט פֿאַר־
שפּעטיקט.
וועל איך קומען אין די טויערן פֿון דיין פּאַלאַץ
ברענגען דיר מיין צינז צוטראָגן
און מיין דאַנק.

איינגעבויגן

וועסט מיך אינמיטן וועג באַגעגענען,
ערגעץ אין אַ ווינקל גאַס,
און אויב דו האָסט מיט וואָס צו בענטשן מיך,
וועסטו מיך בענטשן . . .

אפשר איז אין מיר פֿאַראַן נאָך לויטערקייטן,
אפשר איז אין מיר נאָך ליכטיקייטן דאָ,
וועסטו זיי אויפוועקן.

וועסט צוקומען צו מיר,
פריידיק שטיין בלייבן,
אַזוי פֿאָטערליך.

וועל איך מיין קאָפּ קינדעריש איינבויגן
און זיך איינהערן,
צו דיינע ווערטער,
צו דיין שווייגן.
איינגעבויגן.
איינגעבויגן . . .

באַגעגענען

אַזוי פאַרגעסן און פאַרגעסן ווערסטו.
און איך איבער דער ברייט און רייך און עלנט פון דער ערד,
קוק אָן צו נייע זומערן און הערבסטן
זומערדיק-גרין באַשיינט.
הערבסטיק-דאָרנדיק געקרוינט.
און דו ווערסט אַזוי פאַרגעסן.

איך וואַרט, און איך דערוואַרט:
איך וועל אַזוי אין וועג פון הערבסט
דיך אַנטרעפן אַנטקעגנגיין.
איך וועל אין פיינליכן שרעק שטיין בלייבן,
פאַרוואונדערן:
דו ביזט דאָך שוין אַזוי פאַרגעסן . . .

וועסט נאָענט צו מיר צוטרעטן
און רעדן צו מיר נאָענט:
איך בין פאַרגעסן, בין פאַרגעסן, בין פאַרגעסן
איך גיי איצט ניט צוריק צו קיינעם,
בין נאָר אַרויסגעגאַנגען דיר אַנטקעגן . . .

וועלן מיר גיין אינאיינעם.
מיר וועלן זיך פאַרנעמען אויף אַ שמאָלן וועג,
וועסט זיך בייגן איבער מיר און רעדן איבער מיין קאָפּ:
ווערסט פאַרגעסן, ווערסט פאַרגעסן.

II

סעודה׳ס

ברעקלאַך, שטיקער ברויט — האַרטע גרודעס
רויערד אויף די טישן אויף די פרעמדע.
מיר זיינען שוין געווען ביי אַלע שפּעטע סעודות
און מיטן גרוי פון טאָג אַוועק פון דאָרטן פרעמדע . . .

פון אַלע פּנימער האָט העל צו אונז געקוואָלן
די וועלט — אָן אָפּענע מיט אומשולדיקע אויגן.
ביים ברעג פון טיש, ווי ביי אַ ברעג פון וועלט אַ שמאָלן,
געזעסן זיינען מיר מיט אויסגעוויינטע אויגן.

דאָס ליכט האָט זיך צו אונזער פּוס געגאָסן,
די פרייד האָט זיך צו אונזער מויל געצויגן
נאָר אונזער האַרץ איז שטום געווען, פאַרשלאָסן
געזעסן זיינען מיר מיט אויסגעוויינטע אויגן.

הינטער אונזער רוקן איז דער טויט אַרומגעגאַנגען.
און אינם גרויסן ליכט פון יומטובדיקן לעבן,
איז ער צו אונזביידן צוגעגאַנגען
און אַזוי פאַרזיכטיק אויף אונז אַ קוק-געגעבן . . .

פאַרגייט

מיט מיר, מיט דיר,
מיט אַלעמען וואָס טרויערן אַרויס,
גייט מיט אַ פרייד אַזאַ
וואָס איז אין זיך אַליין פאַרהילט.
זעט דיין וואַקלען און דיין שטרויכלען אומעטום,
זאַפּט איין אין זיך דעם פּיין,
און וואַרט ביז לעצטע אומגליקן,
ביז אַלץ ווערט איינגעשטילט.

דיין יעדן ווייטיק
וואָס זי זאַפּט אין זיך אַריין,
וויינט אוים זיין סם און גאַל,
לייטערט זיך און קלערט.
און ס׳בלייבט פון אים, אַ טראָפּן זאַפט
אַ טראָפּן וויין,
וואָס קוועלט און קוועלט
ביז אַלץ ווערט שוין צושטערט,
ביז אַלץ פאַלט איין.

און יענע שעה
וואָס קומט שוין מיט תכריכים אין די הענט
מיט ווייסן קיטל, ווייסן גאַרטל,
ווייסע ליכט.
זי טראָגט מיט זיך
אַ פולן בעכער וויין, וואָס ברענט
מיט אַזאַ וואונדערליכן,
זונפאַרגייענדיקן רויט,
און אַלץ ווערט אין דיר אויפגעריכט
און — פאַרגייט.

פרישע ליפּן

טוי אויף דיינע פרישע ליפּן און אויף דיינע ווערטער.
האַלב-פרעמד וואַרטן מיר נאָך איינער אויפ'ן אַנדערן.
נאָר די גוטסקייט וואָס בליט אין מיין האַרץ פאַר דיר,
וועט שטיל דיין נאָמען וויגן.

די גאַס וואו מיר גייען איצט,
און דער וועג וואו מיר גייען ווייטער —
און דאָס אָנקומען פון אָונטס —
ליבע אומהיימליכקייטן.

אומבאַקאַנטע מענטשן און אומבאַקאַנטע שטיבער.

רעד צו מיר פון זיך,
פון זיך אַליין.
דערצייל מיר —
ווען דו לייגסט זיך שלאָפן,
ווען שטייסטו אויף.

דערצייל מיר ווי דיין מאַמע הילט דיך איין
אין אַ לאַנגן ווייסן פרישן ליילעך
ווען דו באָדסט זיך אוים,
און ביזט יונג און ווייס.

רעד צו מיר פון זיך,
פון זיך אַליין.

הערסט?

הערסט? אונזער אָרימקייט וויינט,
האָט נישט קיין זומערדיק קלייד,
האָט נישט קיין זיידענע קלייד.
און ס'איז זומער אין שטאָט.
בעט איר צו זיך אויפן שויס.
רעד מיט איר ליכטיקע רייד.
זינג צו איר לידער פון טרייסט,
וועט זי ניט וויינען אַזוי
וועט זי ניט טרויעריק זיין.

נעם איר צו זיך אויפן שויס.
גלעט איר דאָס נאַקעטע לייב.
זאָג איר :
דיין פּנים איז שיין,
זאָג איר :
דיין הארץ איז אַ טויב
זאָג איר :
די זון ביים פארגיין,
וועט קומען אַ ווײַלע צוגיין
אַ קוק־טאָן צו אונז דורכן שויב.

זאָג איר :
דיין הארץ איז אַ טויב.

ביים גרויסן פענסטער

פירסט מיך יעדן טאָג ארויס פון אומגליק און אריין צוריק,
און בינדסט מיך אָפּ פון דר'ערד און בינדסט מיך צו צוריק.
רייסט ארויס פון אונטער מיינע פיס דעם מינדסטן זאמד
פון זיכערקייט
און מיינע טריט ווערן קלענער און שטילער.

אין מיין האַנט ליגט די געזעגענונג און די באַגעגענונג פון
אָנהויב מיטן סוף.
און ווען דו ברענגסט מיר אַ טויטליך־פינסטערן טאָג,
ליגן מיר — צוויי קראַנקע אונטער אַ טומאַן פון מעלאַנכאָליע
און וואַרטן אויפן ווייסן אויפגאַנג פונם טויט.

די נאָענטקייט פון טויט — זי הילט אונז איין.
אין אונזער עלנט זיצט ער אויף איין באַנק מיט אונז ביים
טיש
עסט מיט אונז אינאיינעם אונזער אָרימברויט
און גייט אָפּ מיט אונז פון טיש.

אין שלאָפּצימער ביי אונז איז דאָ אַ גרויסער פענסטער,
אינם פענסטער קוקט אריין אַ קופּאָל פון אַ קלויסטער
מיט אַ גאָלדענעם צלם.
זיצן מיר מיט אים ביים גרויסן פענסטער.
און קוקן אויפן בלויען קופּאָל, אויפן גאָלדענעם צלם.
און עס שיינט אויף אונז באַרואיקונג און היילונג.

אַזוי נײַ

ווי בלייך דיין מיידלש לייב שלאָפט אונטער ליילעך
מידקייט, גרויער אַש אויף דיינע קילע פינגער.
שלאָף זיך אוים.

איך וועל וואַרטן לאַנג און לאַנג און דו וועסט שלאָפן
גרויסער טאָג וועט אומגיין ברייט איבערן צימער.
שלאָף זיך אוים.

אַזוי דורך שעה׳ן לאַנגע, ברייטע, שעה׳ן מידע
שטייט מיר פאַר די אויגן נאָר דאָס בעט דאָס ווייסע.
שלאָף זיך אוים.

אַז די לאַנגע ברייטע מידע שעה׳ן וועלן אַוועקגיין,
וועסטו אויפשטיין — וועט שוין פורפורדיקער אוונט
שטיין ביים פענסטער.

אַ גלאָז וואַסער וועל איך דיר דערלאַנגען
וועסטו וואַשן דיינע הענט
וועסטו אויפשטיין אַזוי ווייס
אַזוי נײַ פאַר מיר.

אין גרויען שווייגן

וועט דער אומעט אונזער שטוב שוין קיינמאָל ניט פאַרמיידן?
אונזערע נעכט און טעג אויף אונזערע שמאָלע אַקסלען צוקן.
דאָך אַלע מאָל ווען העלער, בלויער צו אונז קוקן
די גוטע אויגן פונם קינד,
און האָפנונגען ריידן.

זעקס יאָר אז אונזער לעבן איז אין צער געבונדן.
נאָר אין די אויגן פונם קינד איז יומטוב אויפגעגאַנגען.
זעקס ליכט מיט בלויע פלעמלאַך האָבן זיך געצונדן.
זעקס יאָרן קינדישע,
זעקס דינע גאָלדענע זאַנגען.

און עפּעס בליט פון אונזער אומעט שטיל אַרויס און ווערט
דערהויבן
כאָטש אין די טריט פון אונזער קינד פאַרקלינגט די היים-
ליכקייט . . .
מיר קוקן דורכן פענסטער:
איופן שפּיץ פון קלויסטער שטייען ווייסע טויבן,
הויבן זיי זיך אויף,
און פליען,
און פאַרפליען אַזוי ווייט . . .

אויף דעם זון-באַשיינטן קופּאָל וועבט זיך אוונטיקער טונקל.
מיד אויף אונזערע ווענט די זון אין מילדער מעלאַנכאָליע
ליגט.
דאַכט זיך מיר:
מיין מאַמע זיצט דאָרט שווייגנדיק אין ווינקל
שווייגנדיק און אַזוי אומעטיק.

ביי די לאָמפּן פון וואַכעדיקע נעכט

ביי די לאָמפּן אויף די וואַכעדיקע טישן און די ברייטע
וואַכע אוונטן,
נאָכן אָוונטמאָל, אַ העלע ווארימקייט ליגט שטיל איבער
די ווייסע ווענט.
ביי די פענסטער שטייט אַ רואיקע די גרויסע שיינע נאַכט,
די גרויסע גאַס,
די לאַנגע שוואַרצע סלופּעס מיט די ליכטיקע לאַמטערנעס
אין די הענט.
ס׳עפנט זיך די טיר פון שטוב. דער מיטליאַריקער שכן
קומט אריין
זיין בלאָנדע טאָכטער און זיין בלאָנד ווייב. און נאָך אַ
פּאָר שכנים.
זעצן זיך ביים טיש און ווערן היימישע און אייגענע
אין דער וואַרימקייט און נאָענטקייט פון מענטשן ווערן
עלטער מיינע יונגע יאָר אויף מיר.
און אינם וואַכנדיקן שמועס, אין געמיטליכער און מוטיקער
טאָגטעגליכקייט
פון נייס אין צייטונגען, פון בריוו און גרוסן פון ווייטע
אייגענע,
פון פּאַסירונגען, פון פאַבריק, פּאַרדרוסן, רגע׳דיקע פריי־
ליכקייטן,
פון אונטער די אַלע פּראָסטע רייד און שיין פון די וואַכע־
דיקע לאָמפּן,
פון אַלץ גייט אויף אַזאַ מין פייערליכקייט
אָט־די פשוטע, לענדער זיינען זיי דאַכט זיך אויסגעפּאָרן,
ימ׳ען אויסגעמאָסטן, גרעניצן געשניטן.
און — סאָליד און ליכטיק־וואָכעדיק געוואָרן,
זיי זעען אוים ווי נעכטן ערשט געקומען פון אַ לאַנגער נסיעה.

בייטאָג, נאָכמיטאָג האָבן זיי געדרימלט און זיך אויסגערוט,
קאָן מען איצטער זיצן שפּעטער, רעדן, און דערציילן און
דערציילן.
היימליכקייט און רואיקע סאָלידקייט שפּיגלט פון די גלעזער
טיי אַרוים
און רואיקייט איז אויסגעשפּרייט איבער די קעפּ פון זייערע
שאָטנס אויף די ווענט
ביים ברעג פון ברוינעם סאַמעטענעם פאָרהאַנג אויף דער
טיר פון זאַל.
ליגט די קאַץ און דרימלט איינגעקנייטשט
אין וואַרימער און וואַכעדיקער היימליכקייט.

צו וואונדער

קום, הייל אוים מיין שלאָף.
אין האַרטער זאַמדיקער נאַכט
ליגט אויסגעצויגן מיין גוף
נעבן אַ צווייטן גוף
אַ פאַרלאָרענער.

איידער דער דרימל שפּילט אויף אויף זיינע ליפּן
רעדט ער צו מיר טרייסט און דרייסטקייט.
זיין מידקייט איז מיר אי פיינליך, אי נאָענט
און ליב איז מיר צו זען דעם דרימל בליען איבער אים,
ווי ליב ס׳איז מיר געווען אַמאָל, ווי איך געדענק,
אויף מיין קינדערשן וועג צו לייד,
האָט געבליט אַ גאָרטן,
און אַ בוים האָט געברענט מיט פלאַמיקע עפּל.

די מיטנאַכט שטייט ברייט ביים פענסטער.

קוקט אויף אונז מיט אַ פלאַמיקן שטערן.
עפּעס פון די וואונדער פון אַמאָל . . .
אַלץ איז דאַן אין וואונדער אויפגעגאַנגען
אַלץ עפּיס פון טרויעריק־היימליכן דערמאַנען זיך . . .
און מיר זיינען אַנטקעגנגעגאַנגען
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
צו וואונדער.

וועסט טרעפן

וועסט נאָך טרעפן צו מיין וועלט אַמאָל . . .
וועסט נאָך טרעפן צו מיין שטוב אַמאָל.
און אַריינלויפן אומגעריכט :
כ׳האָב אין גאָרער וועלט דיך אומגעזוכט
כ׳האָב אין גאָרן וועג גערופן דיך,
און, אַט ביזטו ! אַזוי אומגעריכט. —

און אַט ביזטו אַזוי קינדיש נאָך,
און דו קוקסט ווי דאַן אויף מיר . . .
און דו ווילסט איך זאָל דערמאַנען דיר.
ליכטיקייט פון פריי׳ר,
לויטערקייט פון פריי׳ר . . .

זיצן מיר אַזוי,
און איך רעד צו דיר,
און דו קוקסט אויף מיר —
ליכטיקייט פון פריי׳ר,
לויטערקייט פון פריי׳ר . . .

בלויקייט טונקלט און פאַרלעשט זיך קאַלט

און פאַרגרויט אין האַריזאָנט.
קאַלט-לבנה-ליכט איבער שוואַרצן וואַלד.
לויטערקייט פון פרי'ר,
ליכטיקייט פון פרי'ר.

קאַלט לבנה-ליכט איבער מיין קאָפּ,
און אַ קאַלטער שוואַרצער וואַלד.

אינדערפרי

שאָטנס פון ביימער אַנטקעגן באַרג אַראָפּ
הימל און אַ שמאָלער שנור פון טייך.
פעלדער ברייטע און ברייטהאַרציקע און טאָג,
און זון ווי מילך מילד, ווי פוטער — ווייך.

היינט איז גוט, פון האַרצן זיך אַראָפּגעוויינט
ביזט געקומען אַ פּאָר טעג דאָ זיין מיט מיר.
האָבן מיר געלייגט זיך פרי און אויפגעשטאַנען פרי,
אין בעט געלעגן און גערעדט פון פריער, פריער . . .

פענסטער אָפן אין דער גרויסער וועלט אַרויס,
פעלד און באַרג און בלוי און ווייסער טרוים.
אָט, אַנטקעגן אויפן באַרג שטייט אונזער קינד —
דאָס שלאַנקע ביימל נעבן קראַנקן בוים . . .

טו זיך אָן, איך וועל זיך אנטון, וועלן מיר גיין
צום באַרג אַרויף און חלומ'ען פון אונזער קינד.
פעלדער ברייטע און ברייטהאַרציקע און טאָג
וועלן חלומ'ען מיט אונז פון אונזער קינד . . .

זיך אָפּרוען

איך קלאַפּ אין דיין פאַרהאַקטן טויער,
אָ, ווייטע, ווייטע אַלטע וועלט.
לאָז מיך אַריין אין דיין שטילקייט זיך אָפּרוען,
די זיכערקייט פון דיינע ברייטע טיש און בענק,
און דער וואַרימער ריח פון דיינע היימליכע ווענט
זאָלן מיין נשמה באַרואיקן.
זאָל די אַלטקייט מיר דערציילן
פון יענער דערהויבנקייט פון די אבות
וואָס זיינען געזעסן אין שטאַרקן בטחון
און דערציילט פאַרטרויט וועגן דער גרויסקייט פון גאָט.
בלוי־שאָטנדיקע טונקלקייט האָט געמאַטעוועט פון די ברייטע
פענסטער
און געשפּרייט דורכזיכטיקע סטעזשקעס איבערן אַלטן דיל.
פוניענער זייט פון דיינע ווענט און פענסטער,
האָבן געפלאַטערט פייגל מיט ברייטע פליגל
און זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט.

איך בין אַמאָל זייער קליין געווען,
ס'האָט געבליט אין מיר אַ חלום,
און כ'האָב געזען דיך אַלטע וועלט,
דורך אַ ברייטן אָפענעם טויער.
און דער טויער האָט זיך פאַרמאַכט,
און כ'בין געבליבן אין גרויען דרויסן,
פון נידעריקע שווערע גאַסן.

ליכטיקער

כ׳האָב זיך איבערגעבויגן דעם פענסטער.
ס׳איז קילער שטילער טאָג געווען.
אָנהויב זומער און פרילינג.

זיידענע וואָלקנס קומען,
זיידענע וואָלקנס זשומען אין די הויכן
מיט וואַרימער גלוסטונג.

איך וועל קומען צו דיר.
מאָרגן.

אַזוי־ווי שטילער ליכטיקער טאָג וועסטו זיין
און וועסט צו מיר ריידן,
וועסט צו מיר זשומען :
כ׳האָב אָפּגעליטן
און ס׳איז מיר ליכטיקער.

כ׳האָב זיך איבערגעבויגן דעם פענסטער —
ס׳איז שטילער קילער טאָג געווען.

ערשטער שניי־ווייס

ס׳איז שוין ווינטער
ווייסע, יונגע אינדערפריען.
איז ווייס מיין פריער טרויער.
מיין פיינליכער פאַרלאַנג.
צו שמעקן דיין בליאונג און דיין וואַקסן.
מיט מיינע הענט פאַרטרויען און פאַרקושן

דיין נאַקעטקייט, דיין באָרוועסקייט:
דו גייסט מיין קינדהייט דורך,
דו זינגסט איר איבער
ווי אַ יונג ליד.

ווייסע, ערשטער שנייאיקער אינדערפריען,
איר דערציילט מיר און דערציילט מיר . . .
איר געדענקט ווי איך,
און איר וויינט ווי איך,
שטילערהייט און ווייס.

ווייסע, יונגע אינדערפריען.

העלף מיר

ווי אַ קינד אין טיפן אומגליק,
בין איך צו דיר צוגעלאָזן.
זע, איך בין אַזוי פאַרלאָרן.

אומגליקליכער ווער איך, ווער איך,
גאָר די ליבשאַפט צוגענומען,
יעדן אויסוועג.

האָסט מיך נאָענט צוגערפן.
זאָג מיר עפּעס,
ווייז מיר, העלף מיר.

אַז די אַלע גאַסן שטייען,
אַזוי אָפן, אַזוי רואיק,
נאָר פאַר מיר אַליין — פאַרשלאָסן.

עפּענען זיך ניט פאַר מיר.
קינדער גייען שוין פון שולן . . .

זאָג מיר עפּעס,
ווייז מיר עפּעס. העלף מיר.

פולגעלאָדן

אַלע חושים זיינען אנגעשפּאַנט צו לידער.
ווערטער בליען אויף אין מיר
ווערטער ווערן פול און רייף אין מיר
(אָ, פיר מיך ניט אַרוים פונדאַנען לער.(
און פולגעלאָדן מיט פאַרהוילענעם באַגער.

דער זיסער זאַפט אין בלוט פון מיינע ווערטער.
זיי בינדן זיך אַזוי פאַרליבט צונויף.
און צינדן זיך אַזוי,
און ציען זיך צונויף
און ווערן ווייס און צאַרט און אויסגעצערטער.

זיי טוען אוים פון זיך די העמדער־ליינען
און בלייבן נאַקעטע אין זייער ווייסן פלאַם.
ווי מיידלאַך־פיש אין זון
ביים ברעג פון גרויסן ים,
ווען ס׳בליט דער טאָג אין זיינע פולע שיינען.

אָנגעשפּאַנט צו לידער זיינען אַלע חושים.
און נאַקעט איז מיין האַרץ און העל און קלאָר.
אָ, וואָס איז דען ניט וועלט,
און וואָס איז דען ניט וואָר,
און וואָס איז דען ניט גרייט מיין ליבשאַפט אויסצוקושן

די נאַרעלאַך פון מיינע אויגן

עס איז נאָך ווייט?
נאָך גרויסער שווערער וועג אַהין?
דאָך שאַטנט זיך שוין יענער אומגליק דורך —
א ווילד־צעוואַקסענער דאָרן פון א גרוב אַרוים,
קאַלט און פינסטער.

און איר? איר מיהט זיך נאָך,
צוגליט זיך און צובליט זיך נאָך אַמאָל.
אָ, וואוילע נאַרעלאַך
אָ, שיינע נאַרעלאַך
וואָס זילבערט איר אַזוי,
וואָס גאָלדיקט איר אַזוי
אין מיינע אויגן? . . .

ווייל דער הימל איז בלוי
און די ערד שטייט שטאַרק און פעסט.
און מאָרגן איז זונטיק,
און מאָרגן וועלן קומען צו אונז געסט.

אָ, וואוילע נאַרעלאַך,
אָ, שיינע נאַרעלאַך,
וואָס זייט איר פּלוצלינג אומעטיק אַזוי?
דער הימל איז דאָך בלוי,
און די ערד שטייט שטאַרק און פעסט
און מאָרגן איז זונטיק —
וועלן קומען געסט —
וואָס־זשע זייט איר פּלוצלינג אומעטיק אַזוי?

אָ, שיינע נאַרעלאַך אין מיינע אויגן.

אונטער כמורנעם הימל

אין טומאַנעם טאָג,
אונטער כמורנעם הימל.
מיט שוואַרצע שירעמלאַך
די ביימלאַך שטייען
גרויע אין טומאַן.
ווי מיידעלאַך
וואָס גייען פון שול
פאַרנאַכט אַהיים.

אין מיין פענסטער
צינד איך אָן,
אַ רויט לעמפּעלע.
און שטעל עס אַוועק
אַנטקעגן טומאַן.
אַ דין ביימעלע,
מיט אַ שוואַרץ שירעמל,
וועט זיך לאָזן גיין
פון טומאַן אַרויס.
גלייך צו מיר,
צו מיין טיר.

אַ ליכטיקע מינוט ביים טיש

נעם אָן מיין וואַרימקייט,
מיין אויפגעלויכטענע באַגייסטערונג.
און ברענג די צוויי גאָלדענע בעכערלאַך,
די איינציקע, די אַלטע פרומע בעכערלאַך
און מיר וועלן טרינקען וויין

מיין טרויעריקע,
דורך אַלע טרויערן ביז איצט
זיינען מיר געקומען ערשט צום שוועל
פון פריע דרייסיק יאָר.
פון פריע ווייסע האָר,
זאָלן זיי זילבערן.
מיר וועלן טרינקען וויין,
און זאָלן זיי זילבערן.

מיין טרויעריקע,
ניט בייג זיך איין אַזוי.
ביזט שעמעוודיק?
פון פריע דרייסיק יאָר אַרויס
ווייזן מיר זיך ערשט צום פנים פון דער וועלט.

ק ר ב ן

דיין יעדע שעה מיט מיר איז קרבן.
די רגע'ם וועלכע ברענגען אונז צוזאַמען —
פוילנדיקע, וויאַנענדיקע פאַרבן
רויכיקע, זיך-בלייכנדיקע פלאַמען.

ביזט צו מיר פון גרינעם וועג געקומען
מיט קינדהייט און מיט בושה אין די אויגן,
און איך האָב דיך מיט זיך אַרומגענומען,
און דו האָסט זיך אונטער מיין סם געבויגן.

דו זעסט, דו זעסט דעם חושך אויף מיין שטערן.
דו הערסט מיין לייב אין נעכט און ווילסטע וויינען.

ווי אַזוי זאָל איך די ליידיקייט באַשיינען, —
דיין גרויסער קרבן זאָל געהייליקט ווערן.
אין אונזער אָרימקייט, אונטער גרויע קרוינען,
ווי אין אַ שלאָס אַ חורבן פאַרהוילן ווערן . . .

פרעמדקייט

מיר טראָגן היימישקייט אַריין
אין אומעטיקע פרעמדע שטיבער.
אין פרעמדע ליידיקע ווינקלען.

פרעמדע נאַכט קומט אַריין אין דער פרעמדער שטוב,
טרעפט אונז ווי פאַרבלאָנדזשעטע אין די ווינקלען.
באַקוקט זי אונזער אָרים ביסל מעבל,
וואָס מיר האָבן מיט־זיך געבראַכט.
באַטראַכט זי אונזער אָרימקייט,
און באַדויערט אונז . . .

אַז מיר לייגן זיך שלאָפן,
לעשן אויס דאָס פרעמדע ליכט אין דער פרעמדער שטוב,
דערפילן די ווענט זייער היימישע פינסטערניש
דערשמעקן אונזער אָטעם,
אונזער מידיק ציען זיך צו רו.
טרעטן אַלע פיר ווענט צו צו אונזערע בעטן,
קוקן אויף אונז,
באַטראַכטן אונז,
און באַדויערן . . .

אינדערפרי, אַז מיר גייען אַרויס פון שלאָף,
קוקן אויף אונז די ווענט היימישער,
און שווייגן שוין ניט אַזוי קאַלט און ווייס ווי נעכטן.

ס׳ווערט שיין

אַ טויבע שטרעקע מוטנער הערבסט —
אַ וואָך מיט רעגנדיקע טעג און אוונטן.
מיין גרויער פענסטער ווייגט אַרויס צום טויטן טומאַן.

אַ, ברענג אין מיינע טונקעלע צימערן
דעם אָפּשיין פון דער ווייסער דינער האַנט,
דאָס ליכט און וואַרימקייט פונם פרומען לייב.
וואָס פאַרטרויט ביז טויט. —

עס לייגט זיך דער טומאַן און צוגייט
ווי פריער טוי איבער גראָזיקער ערד.
עס בלויט נאָך וואו אַ שטיקל טאָג
ווייט און נאָענט אין הימל.

און אויף די דראָטן פונם טעלעגראַף
הענגען פרישע גרינע רעגנאויגן.
און פון די דעכער ווייט דער אוונט
זיין בלויע פאָן.

און מיין פענסטער בלויט אויך צום הימל.

טו אָן

טו אָן מיין לעבן שיין און פיין
יעדן אינדערפרי.
כ׳דאַרף קומין צווישן איידעלע לייט
פאַרלייכטערן די שעה׳ן פון מיין טאָג.
שווער פאַלט אויף מיין האַרץ

דער יאָך פון ליידיקע מינוטן
אין נאָענטקייט מיט זיך.

’דאַרף קומען צווישן פרעמדע לייט.
וואָס קאָנען ניט מיין שטאָם.
וואָס רופן מיך מיט אומהיימליכע רייד
אין ווייטן חרובע און וויסט,
וואו כ׳ווייס גאָרנישט . . .

טו אוים מיין לעבן לייכט און העל,
יעדן אָוונט.
ווען כ׳קום אין די פיר איילן פון מיין רו.
וואו מיין ווייב וואַרט
און מיין קינד איז דאָ.
און שלאָף בליט.

סוף-זומער

דורך אַלע ביזט דורכגעגאַנגען,
און געקומען צו מיר.
גוטע טעג מיט אָנגעזאַפּטער זון
זיינען געשטאַנען אויפן לאַנד
האָבן געוואַרימט די בוימער אין וואַלד.

איך בין ניט גוט געווען צו דיר.
דו האָסט מיט רייד ווי געבעט
געוויגט דיין איינזאַמע ליבע.
איך האָב באַרוט געשוויגן.

מאָרגן. נאָך אַ טאָג.

און כ׳וועל אװעקגיין.
און וועל דערמאָנען זיך,
ווי מען דערמאָנט זיך אַ סך אומעטיקייטן:
מענטשן,
גוטע ווערטער
און — אַ געזעגענען זיך.

ווייט

מיין שטוב שטייט אין שטילער זון.
מיין האַרץ — אין ליכטיקייט פון לעצטע הײמליכע טעג.
און דו טײלסט מיט מיר דיין שפּעטע שיינקייט.
יעדער אינדערפרי קומט העל
אין אונזער טיר אַריין.

מיר האָבן ברייטע גרויסע שעה׳ן.
מיר טרעטן צום טויט אין וואַרימקייט פון זון
נעמען אַריין אין זיך דעם בלענד פון גאַנצן חלום
וואָס פילט אָן די וועלט.

אינם פאַרנאַכטיקן שאָטן
זיינען מיר אַליין אין שטוב.
מיר פילן. מיר הערן,
ווי מיר רוקן זיך אָפּ פון האַפן.
אין די פענסטער שאָטענען זיך גרינע וואַסער־וועלן.
מיר קוקן אַרויס מיט שרעקעדיקייט:
אונזער פאַרזונקענער לעצטער טאָג,
עם בלוטיקט זיין האַרץ אין ים.

אַ ליד פון אַ בריוו

אין דיין גוטן זיך פאַרטרויען
נייג איך צו מיין אָפן אויער,
אין די ליבע גוטע ווערטער,
פליסטערן מיר טרויסט.
און איך הער דיין פריידיק בעטן,
נאָר ווייט אַזוי
און אונטער אַלץ אַזוי,
שוועבט דיין תפלה.
פעלדער ליגן שלעפעריק,
שוועבט דיין תפלה נידעריק אַזוי,
ביי דער וועלקער ערד.

איבער שלעפעריקע פעלדער
ווייט אַ בלויער גרינגער הימל.
דו ביזט דאָ.
דו ביזט ליכטיק.
זאָל מיין קול דיין ליכט ניט גרויען,
זאָל מיין וואָרט ניט שאָטענען איבער דיר.
נאָר — קום כאָטש נ ע ק ס ט ע וואָך צו מיר...
מיין פרוי וועט אָפּקאָכן אַ ווייסן באָרשט,
ווי דו האָסט ליב.
און נאָכן אוונטמאָל וועלן מיר אַרויסגיין,
מיין גאַס שטייט דאָ ביים סוף פון שטאָט.
און שטיל איז דאָ אַזוי,
און גוט איז דאָ אַזוי.

לויטערקייט

איצטער פיל איך זיך מיט דיר
אויג אויף אויג.
פאַרטרוי איך דיר:

ס׳איז שפּעטער אָונט געווען.
איך בין געווען אַזוי אַליין.
ווייט פון אַלעמען אין דער וועלט.
האָט אויפגעעפנט זיך מיין האַרץ
פאַר זיך אַליין.
און האָט געוויינט.

טיף און קלאָר אַזוי געוויינט.
כ׳בין איינגעשלאָפן גרינג.
חלום־גרינג איז מיר געווען דער שלאָף.

זינט יענער נאַכט
בין איך געוואָרן קלאָרער זיך.
בין איך געוואָרן וואָרער זיך.

אינדערפרי בין איך אַרויס אין גאַס
אַרומגעקוקט זיך אויף דער וועלט:
ווי קלאָר, ווי העל.

ווי אַ ווינט וואָלט אָפּגעקערט
אַ שווערן שווערן איבערבלייב,
און ס׳איז קלאָר און העל.

אונטער שוואַרצער קרוין.

פאַרטרויערסט זיך אין מיר
און איך פאַרטרויער זיך אין דיר, מיין פרוי,
פאַרוויגסט אין מיר די קראַנקע קלאַג.
וואָס וועקט זיך פיינליך אויף.
פון דיין שוויגן אָטעמט העל צו מיר,
די ווייכקייט פון איר ריינעם שלאָף,
הינטערן וואַרימען פאָרהאַנג פון בייטאָגעדיקן פענסטער.
מיר זיינען אַלע אין שטוב,
זי שלאָפט,
און מיר רעדן שטיל אַזוי.

אַ סך אַזעלכע טעג.
און — שוין.
אַ שוואַרצע קרוין
אויף אונזער אָרימען באַוואוין.

און מיידלש איידלט זיך צו מיר אַצינד
פון אינעדרפריעדיקן בעט אַרוים,
דיין ליכטיק לייב;

דורך טרויער וואָס וויינט קראַנק אַראָפּ
פון דיין פאַרשעמטן שוים
אַ טראָן אַ ליידיקער —
שטרעקט זיך גלויביק-ליב און גרוים,
דיין לייב צו מיינעם אוים.

רוף מיך

גרינע ווייכע שעהן אינדערפרי.
גוטע, וואוילע פרוי,
איך זע דיך יעדן אינדערפרי.
דורכגיין שלאַנק פאַרביי מיין פענסטער.
וואָס קלאַפּסטו ניט אָן ביי מיר אין פענסטער
הינטערן פריען שיין פון פאָרהאַנג
דרימל איך שלאָפלאָז . . .

אַ געזאַלבטע, אַ געהיילטע רגע,
זוניקט מיינע ברעמען.
ליכטיקע מידקייט ווייט אויף מיר.
אַז גאָר אַליין בין איך געבליבן.
אונטערן קאַלטן צודעק ווייגט מיין לייב.
ציט מיין לייב.
צו דער וואַרימקייט פון דיין שמאָלער פּלייצע.
צו דער וואַרימקייט פון דיין נאַכט און שלאָף.
צו דער וואַרימקייט פון דיין וואַכן.
כ׳האָב ניט ווועמען פאַרטרויען מיין פאַרטרויערטקייט.
פאַרן איינשלאָפן.
מיין פאַרלוירנקייט
ביים אויפוואַכן.

גרינע ווייכע שעהן אינדערפרי.
גוטע, וואוילע שלאַנקע פרוי.
קלאַפּ אָן צו מיר אין פענסטער.
רוף מיך.

אַוועקלויפֿן

נאַכט. און די ליבע גייט אין גרינעם וועג.
און די ליבע וועט היינט קומען אין מיין הויז.
אָפּגעוואָרפֿן ליגט דיין טרייסט, מיין ליבער פֿריינט,
און דער פּיין אין בלוט מיינעם בליט רוי און רייף.
אויפֿן גאָלדענעם טאָג האָב איך זיך נישט דערוואַרט.
אומבאַהאָלפֿן, קליין שטרעק איך זיך אויס:
אָ, אומפֿאַרמיידלאַכקייט.
טו מיר אָן די ענגע רייף די שטאָלענע,
און הויקער מיך.
בייג מיך צו דער ערד,
דריק מיך צו דעם שטויב,
צעברעך די האַנט וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט,
מיך אויפֿצוהויבן.

מידקייטן רופֿן מיך,
גראָזקייטן גרינען צו מיר.
פֿון חרובע אַלטע שלעסער
שוואַרצע לעכערדיקע פֿענסטער
רופֿן מיך.

נאָר בעסער וואָלט געווען,
ווען דו זאָלסט מיך פֿון קראַנקן חלום אויפֿוועקן,
און מיך צורופֿן צום טיר,
און עפֿענען און ווייזן מיר דעם נס.
דאָס קליינע בעט — דאָס קינד שלאָפֿט אָפּגעדעקט
וועל איך עס צודעקן, די הענטלאַך אויסגלייכן . . .
און וועל אַוועקלויפֿן, אַוועקלויפֿן, אַוועקלויפֿן . . .
דו לויף פֿאָראויס פֿון מיר און לויף און לויף,
מיר וועלן אַוועקלויפֿן . . .

אין שניי

אָ, ווייסער, קלאָרער אָנהויב, —
וואָרט אין ערשטן שניי פון ליכטיקן געדאַנק.
ביזט ווייט פון מיר אַוועקגעפלויגן
ווערסט קיינמאָל שוין צוריק ניט קומען
רוען איבער מיר.

פאַרנאַכטן דערמאָן איך זיך אָן דיר.
טוט מיר באַנג.

עס עפנט זיך ניט מיין האַרץ אויף ברייט
רופט ניט פון די ווייטע בלויען פרידליכקייט
ווי כ'האָב אין ערשטן שיינעם אָנהויב.
שיינע טעג זיינען געשטאַנען דאַן —
קליינע שטיבלאַך אין שניי.

און איך דערמאָן זיך אויך —
פאַרנאַכט. פריערווינטער.
מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון אונזער שטאָט.
לאַנגער שליאַך אין דער ווייטער וועלט אריין.
דאָס ערשטע דאָרף.
קליינע שטיבלאַך אין שניי.

שניי

וואונדערליכע ווייס און ליכט פון שנייען
באַנייען און באַזינגען די וועלט.
און מיינע אויגן זיינען שטיל און פאַרבלייכט.
מיין שטוב איז אַן אַנדער וועלט.

וואו זאָל איך גיין,
וואָס זאָל איך טאָן
צו מאַכן מיין שטוב פאַר מיין היים.
מיינע ווענט שטייען אַזוי קאַלט מיר אין פּנים.

אויף דער נייער גאַס,
אויף דער ווייסער גאַס,
רויטיקט שוין באַלד דער פאַרנאַכט.
די זון איז שוין מיד.

זיי מיט מיר איצט.
אין מיין האַנט צוקט אַ בלינדער שרעק,
פרעמדע וועלט שטייט ביי מיינע פענסטער.

פאַר דיר

שטומע שאַנד באַפלעקט מיין פּנים,
ווען דו קוקסט אויף מיר מיט לויטערע אויגן.
אַלץ אין דיר איז שטיל, איז גוט,
נאָר פול מיט אומעט.

אָפטמאָל כאַפּ איך אויף זיך זייער פרי.
אויף די ברעמען דיינע שוועבט פרימאָרגנדיקער דרימל.
טראַכט איך: שלאָפסט אַזוי רואיק איצט.
וועל איך אַרויסלויפן אין פרימאָרגן,
(אַזאַ ליכטיקער פרימאָרגן)
זוכן פרייד פאַר דיר,
און וועל צוריקקומען,
וועל דיך אויפוועקן,
וועל דיך קושן.

די מינוטן, קליינע, שיינע,
ווי די בלויע טויען אויף די שויבן,
דרייען זיך אַרום מיר און דיר,
און איך ליג נעבן דיר מיט וואַכע אויגן,
און האָב אַזויפיל פרייד פאַר דיר.
אַזויפיל גליק פאַר דיר.

פון אַנהויב

אָרימע ירושה געלאָזן,
האָבן זיי אונז.
פון זייער זילבערנער אַלטקייט
פון זייער ליכטיקער שבועה ביי גאָט
טריפט אויף אונז גוטס.

אין דער שעה פון מוטיקן דערמאָנען
וואַכט דער געבויגענער קאָפּ.
אונטער עול אָן אַ ליכט
לויכט אונזער פנים.
אין שעה פון דערמאָנען.

נאָר אינדערמיט פון דער וואָכיקער גרויקייט
שוועבט אויף אונז וואָלקן פון סוף.
אויף אונזער שוועל און אויף אונזער טיש אין דער אָרים,
מידיקט אַ זאַמדיקער שלאָף.

רוף יענע זיבן חלומות
פון יענעם ווייטן אָנהויב.
רעד יענע אמת׳ע ווערטער,
פון יענעם הויכן אָנהויב . . .
דערמאָן.

צו שבע אײדלשטײן

ברענג גרינע און בלויע פרײליכקײט.
איבער מײן גאַנץ הויז צושפּרײט עס.
אין דער שטילקײט פון מײנע צימערן
זינג מיר די געזאַנגען פון דײן ליבשאַפט.

מײן ליבע צו דיר,
מײן ליבע דיר
איז אַ שטעג איבערן פאַרנאַכט.
אַ שעה צװױשן טאָג און נאַכט.
אַ קינד אַ ליכטיקס
לױפט מיר אַנטקעגן.
סשלאָגט אַזאַ װאַרימקײט,
אַזאַ גאָלדענע װאַרימקײט,
אַזאַ גאָלדענע נאָענטקײט,
פון װײטן.

אָפּצאָל

מיט זיך אַלײן נאָר אָפּצאָלן און אױסקױפן.
מײן מינדסטן װידערשטאַנד האָב איך דערשלאָגן.
אין צװישןנאַכט
װען אומאַכט האַקט דעם אָטעם פון מײן שלאָפן אָפּ,
װיל איך דיך אױפװעקן,
נאָר כ׳לאָז דיך שלאָפן.

איך װאַרט.
די טיערקײט װאָס גלוטיקט נאָך אין מיר
צו בלינדע לײדנשאַפטן, ליבשאַפטן און נשאה׳ס

וועט בליי און גרוי-ווערן,
ווי יעדע רייך און די אילוזיעס
אין דמיון מיינעם — אָרים און אָן ליכטיקייט
כ׳וועל מיד ווערן.

אָ, לאָז מיך אין גרויען פאַרבלאָזן און מאַנאַטאָנעם זאַמד
פון וואָכעדיקסטער וואָך פאַרלאָרנווערן.
כ׳וועל ציען קראַנק די הענט,
זיך-לעשנדיקע אויגן.
וועט פאַלן אויף טויבע ווענט,
און אין טויטער לופט
מיין אומדערהערטער רוף.

איבער דיר אַליין

עס שטעלט זיך אַזאַ שיינער טאָג.
כ׳וועל עפענען דאָס גאַנצע פענסטער,
און דעם פאָרהאַנג אַרונטערנעמען —
זאָל דער טאָג אינגאַנצן שיינען
אויף דיין מידן פּנים.

מ׳קאָן דאָך אַזוי פריש ווערן
און העל און ליכטיק ווערן,
אין אַ שיינעם טאָג.
פעלדער ווערן אַזוי גרין און ליכטיק
פון דער בלויקייט פונם הימל.

איך וועל זיצן ביי דעם שאָטן פונם ראַנד פון בעט.
איך וויל גאָרנישט פון דער בלויקייט פונם הימל,
פון דער פרישקייט פון דער זון,

וואָס וועט שיינען איבער דיר,
וואָס וועט לייכטן איבער דיר,
איבער דיר אַליין.

אַ יונגע טאָכטער

סעפּטעמבער.
מיטאָג-צייט.
אַ ברייט-פאַרגרייטער טיש
מיט מיטאָגדיקע באַלעבאַטישע מאכלים.
איך בין אַ גאַסט.
נאָענטע היימישע מענטשן,
פייערליכע שטימונג,
אין פענסטער שטייט די זון.
פייערליך. גאָלדיק,
ווי אין סעפּטעמבער דאַרף זיין
ווען ס'איז קלאָרער דרויסן.
מען זעצט צום טיש זיך.
ווי צו אַ יומטוב.
פיר שלאַנקע פלעשער וויין,
טונקעלע, ווי יונגע גלחים,
שטייען אינדערמיט פון טיש.
מיט גאָלדענע קרוינדלאַך.

מ'טרינקט.
מ'שמועסט זיך דורך,
מ'עסט הרחבהדיק און שיין.

און די יונגע טאָכטער
אינם גרויען זיידנקלייד.

אַ ווייסע האַנט,
אַ דינער ווייסער גאָפּל,
אַ ווייס שטיקל הון
און ווייס און וואַרימליך
דאָס לעגליכע געזיכט.

און כ׳דערמאָן זיך:
ווייסע ליכט.
אַ מאַמע.
שניי אין פעלד.
אַמאָל בין איך דורכגעפאָרן —
אַן אומגעריכטער אינדערפרי,
מיט שניי אין פעלד. —
אין באַן.

און דאָס גרויע ווייִדנקלייט,
איז — לייב.
און דאָס ליכט פון לייב
טרינקט אָן,
טרינקט אָן.

און דער טיש ווערט ברייט,
און דער טיש ווערט ווייס,
און די פיר פלעשער טונקעלער וויין. —
די יונגע גלחים,
גייען אַוועק פון טיש.
קיינער איז ניטאָ ביים טיש,
און דאָס גרויע ווייִדנקלייד
איז — לייב.
און דאָס ליכט פון לייב,
טרינקט אָן,
טרינקט אָן.

זיבן טעג

אַזאַ שטילקייט פֿאַרואיקט מיין הויז,
און מיין קינד וואַקסט מיר אויס,
און מיין קינד בליט מיר אויף
און האָט מיך ליב.

כ'וועל קומען אַמאָל פֿון מיין טאָג־יאָך צוגיין
אַזוי רואיק און ריין,
אַזוי רואיק און שיין.
און וועל ברענגען מיין קינד אַ מתנה:
זיבן גאָלדענע טעג.

זיבן גאָלדענע טעג.
זיבן גאָלדענע טעג.
אַ יומטוב פֿאַר מיר און מיין ווייב און מיין קינד.
ווייט פֿון וואָך,
ווייט און ווייט פֿון וואָך
וועט מיין הויז בלייבן שטיין
מיט די פֿענסטער צו אָפֿענער ליכטיקער וועלט
פֿאַרגייענדע זון אויף פֿאַרגייענדיק פֿעלד.
לעצטער שיין פֿון פֿאַרנאַכט
פֿיינליך און וויינליך און וואַך.
און דער היטער פֿון נאַכט גייט אַרוים אויף דער וואַך
און היט אונזער הויז.

אַ נאַכט

אַ שטילע גאַס אונזערע,
אינדערמיט פון דאָרף.
די נאַכט און די לבנה.

און איך,
און מיין פרוי מיטן קינד,
און נעבן אונז —
אונזער הויז.
מיט פינסטערע פענסטער.

אין אַנדערע שטיבער, אַנטקעגן
שיינען ליכטיקע פענסטער,
איבער אונזער הויז
מיט די פינסטערע פענסטער
שטייט גרויס די לבנה.
זיפט זיך שנייאיקער זילבער
דין אַזוי, קוים צו זען,
דין אַזוי, קוים צו הערן.

און אַזוי ווייניק שטערן
בלויז עטליכע שטערן
און די נאַכט איז אַזוי פול,
און די וועלט איז אַזוי שטאַרק,
אַזוי שטיל.

צו שבע אײדעלשטײן

איך װעל דיך נאָך טרעפן אַמאָל אומגעריכט.
און װעל מיט דיר גײן אין אַ װײַטער גאַס
װאו ס׳איז אָרים און אומעטיק.

אין דער אָרימער אומעטיקער גאַס
איז דאָ עפּעס הײמישס פֿאַר אונז.
עפּעס קינדישס פֿון מיר און פֿון דיר,
און פֿון אונזער מזל . . .

דו װײסט: מײַן מאַמע איז טױט.
דו האָסט דאָך מײַן מאַמען געקענט.
דו װײסט: מײַן ברודער איז קראַנק,
דו האָסט דאָך מײַן ברודער געזען . . .

און איך אַלײן — דו זעסט,
בין האַלב טױט און האַלב קראַנק,
בית עולם — מײַן גרױע שטוב,
מײַן קינד — אַ הערבסטיקער שטראַל.

און אומעטיק איז מיר אַזױ.
פֿון אַלע פֿיר זײַטן װעלט
האָב איך אַרױסגעקוקט אױף דיר,
און — אומעטיק איז מיר אַזױ . . .

גופ׳ן

אין בעט, ווי אין אַן הערבסטיקן בייט,
די פרישע גוטסקייט פון איר לייב האָט אויסגעזווענבט
ליגט זי און זי שלאָפט אַ גאַנצע נאַכט.
איך בין וואַך —
פאַררוקט אין ברעג פון שטוב
אינם קאַרגן ליכט פונם קליינעם לאָמפּ,
פאַרזינק איך אין מיין אנגסט.
איך כאַפּ זיך אויף און הער:
זי שלאָפט.

איר שלאָף שוועבט איבער מיין קאָפּ
איבערן שיין פון קליינעם לאָמפּ,
וואָס לייכט זיך פונם ווינקל ווי פון טומאַן ארויס.

איר לייב איז פול און שוואַנגער.
אַ קאַרגער חודש און ס׳וועט זיך עפענען.
די זעט וועט איינפאַלן,
און אויפגיין וועט אַ נייע פרישקייט איבערן שטוב.
ווי ס׳גייען אויף די פרישע קעפּלאַך צווייט
אויף דינעם שלאַנקן מאַן.

די מאַטע זעט וועט איינפאַלן,
און ביי איר לייב,
ביי די אויפגעקוועלטע בריסט
וועט ליגן דער קליינער אומרייפער גוף
און ציען פרישע ווייסע מילך אין בלוט אַריין.

און נייע פרישקייט און זיסקייט

װעט אָנפֿילן איר באַנײַטן יונגן לײַב.
ס'װעלן אױפֿגײן קלאָרע ברײטע טעג
און שײנע נעכט איבער אונזער הױז.
און צװישן מיר און איר,
װי צװישן הימל און ערד,
װעט װאַקסן און בליִען און שלאָפֿן
דער קלײנער גוף
מיט די װײכע הענט און פֿיס.

געהײם

דורך מײַנע טעג האָסטו זיך דורכגעשײַנט,
אַזױ געהײם, אַזױ געהײם.
איך האָב געזען אין דיר
אַ שטעג אַ טונקעלן צו רו און הײם.

פֿון בײדע זײַטן האָט די װיסט געלױערט
אַזױ געהײם, אַזױ געהײם.
און דו — אַ פֿענסטערל, אַ װײַטס, אַ ליכטיקס
רופֿט אַ הײם.

אין מײַנע טעג האָסטו זיך אױסגעלאָשן,
אַזױ געהײם, אַזױ געהײם.
אַלע װעגן האָבן זיך פֿאַרשאָטן
צו רו און הײם.

אַרום אַרום אַ טױטע װיסטקײט הױערט
אַזױ געהײם, אַזױ געהײם.

די ליבע מיטן אינגעלע ביים האַנט

די ליבע, זי איז שטיל צו מיר געגאַנגען
און אומגעריכט און שיין — געקומען.
אַ מוטערליכע פרוי. מיט אַ אינגעלע ביים האַנט.

פרעמדע פרוי, מיטן אינגעלע ביים האַנט
מאָרגן, ווען דיין מאַן וועט קומען,
וועט ער דיך טרעפן אומעטיק.
וועסטו זיין אומעטיק.
ער וועט דיך האַלטן אין זיין וואַרימער ליבע,
און דו וועסט שווייגן אומעטיק.

זיצסטו מיט דיין אינגעלע נעבן מיר.
און איך האָב דיך ליב.
דיין אינגעלע איז שיין
און כ׳האָב אים ליב ווי דיר.
דיין אינגעלע איז שיין ווי גאָלד.

מאָרגן —
מאָרגן —
כ׳וועל אָנצינדן אַ ליכטיקע נאַכט אין מיינע צימערן
ברייטע ליכטיקע ליידיקע צימערן.
די ליבע מיטן קליינעם אינגעלע ביים האַנט
איז אַוועקגעגאַנגען.
איז אַוועקגעגאַנגען.

פון אַ בריוו

באַהאַלט פאַר מיר אַ סך שיינע גוטע טעג.
רו אויס פאַר מיר אין וואַרימען שלאָף דיין ווייס לייב.
אַז איך וועל קומען
ווערסטו מיר אנטקעגנקומען
מיט אָפענער פרייד אין דיין לייב.

אין דער פרעמד, אָן דיר, איז טונקל מיין זעל.
ווען אינדערפרי ברענגט בלוי אין די פענסטער
רוף איך דיין נאָמען.
דיין נאָמען שמעקט מיטן ריח פון דיין לייב.

אין פרעמדן הויז קומט די איינזאַמקייט אַזוי פרי צו מיר.
זעצט זיך ביי דעם קליינעם טישל אַוועק
שפּילט זיך מיטן קליינעם ווייסן זייגערל.
דאָס זייגערל טיקט,
וויגט די מאָנאָטאָנקייט.

איך טראַכט תמיד פון דיר.
און איך זע דיך שפּרייטן אַ ווייסן ליילאַך אויפן בעט
ביים פענסטער שפּרייט דער פריער ווינטער זייד און שניי.

טעג — יונגע ביימלאַך מיט ווייסער קאָרע שטעלן זיך.
איך וועל קומען צו דיר, פאַרנאַכט.

קהל

קהל אין דער וועלט. איבער דער ברייט פון דער ערד,
שלעפּט דעם וואָגן פון זעקס שטיינערדיקע טעג איבערן זאַמד
פון וואָך.
זיינע שבת'ן און זונטיקן ליגן ביי דער מזרח־וואַנט פון
טעמפּלען און קלויסטערס
און פלעקן זון פון פרומע רויטע און בלויע פענסטערלאַך.
איך און דו און יענער קלייניקער האָרבאַטער מענטש
מיטן פאַרשפּיצטן קאַלטן נאָז וואָס דרימלט דאָ,
אָן גלויבן אין אונזערע וואַקלענדיקע טריט.
ווען אונזער טרויער צעוואַקסט און צעשאָטנט זיך
ווי נאָר דער אוונט קומט מיט זיינע ריחות פון פאַרגיין.
מיר בינדן זיך מיט הענט און פּיס צו דער קילער ערד.
און רופן גאָט פון איר שטומקייט.
גאָט הערט אונז נישט,
און זעט אונז נישט.

אין טאָל און אַרום פון טאָל
ליגט קהל מיט זיינע גאַסן, רויכן און מאַרקן.
ביי אָפענע פענסטער צו דעם אויסגעקלונגענעם הימל מיט
שטערן.
די לבנה גייט אַרום פון איר נעסט.
און זילבערט מיט זיבן כשופ'ן.
הכנעה'דיקע שטיבער אין דער נאַכט פון דער וועלט —
און איך און דו און דער קליינער האָרבאַטער מענטש —
מיר ליגן אין ווינקל ווי אין אַ טויטן שפּינוועבס.

און קהל און גאָט זעט אונז נישט.
און געדענקט אונז נישט.

אָוונט

מיר זיצן ביי דעם טיש, ביים שוועל פון שטוב.
איך קוק און קוק אויף דיר,
און האָב דיך ליב,
איך האָב דיך אַזוי ליב.

די זון איז קראַנק פאַרזונקען, רויט.
מיר עסן אוונטברויט.
מיר טרינקען קאַלט וואַסער.

און שיין, און אומעטיק־שיין איז די וועלט.
און שיין רוט אַרום מיר דיין גוטסקייט,
און דיין שווייגן —

הערבסטיק גאָלד
פאַרנאַכטיק גאָלד דורך קאַלטע צווייגן.

זיי בלייבן

אויף אונזער יעדער שוועל ליגן אייביקע גרודעם זאָרג.
שטויב און זון קאָן זיי ניט פאַרדעקן.
טעג, יאָרן, און האַלבע יאָרן רינגלען דורך,
מיר רייפן אויף צום טויט,
מיר בלייבן שטיין אין געלן בלעטערפאַל,
מיט גרוי און וואָלקן אין די אויגן.
פון געלן געלעגער שטרעקן זיך אונזערע אויסגעלאָשענע הענט,
צו דער ווייסער היימליכקייט פון די ווענט.
נאָר די ווענט שטייען ווייט.
די ווענט גייען אַוועק פון אונז.

און זיי, די קוים-דערוואַקסענע אונטער אונזערע הענט.
זיי בלייבן און שאָטענען זיך אויף דער ווייסער היימליכקייט
פון די ווענט.
זיי דערמאָנען אונז, און רעדן פון אונז.
אַזוי ווי יונגער וואַלד.
דינע בוימער רוישן, וואַקסן, ווערן, וועלטיקן.
עס זייט די זון איבער זיי איר וואַרימקייט.
עס זייט זיך אוים אויף זייערע פּנימער
דער אָפּשיין פון אונזערע פּנימער.
און אויף זייערע שוועלן
וועבן זיך אייביקע גרודעס פון זאָרג.

גוט און ווייס

אַזוי פּלוצלינג-גוט איז מיר געוואָרן אין געמיט.
און ס'איז שוין אַזוי שפּעט אין אוונט.
אין אַלע צימערן פון שטוב,
האָט זיך פאַרקליבן דער שלאָף.
און אין קיך, דאָ ביים ווייסן טיש
זיץ איך אַליין.

פון דער ווייסער הויכער שאַפע
קוקט צו מיר דאָס שטילע פאָרצעליי :
ווייסע בלאַנקע טעלער,
בלוי-געקווייטלטע שאָלן.
דריי שלאַנקע מיידלשע קרוגן פון מילך.

אין דער קילער לופט פון פאָרצעליי
איז שטילער ווינטערדיקער אינדערפרי.

ווייסע דעכער. שטיבלאַך באַרג אַראָפּ,
אויף ווייכן שניי.

און — דאַמאָלט איז מיר אויך אַזוי גוט געווען.
פונם פענסטער פון דער קליינער שטוב,
קוקט מיין מאַמע מיר נאָך מיינע טריט,
ווייסער שנייאיקער אינדערפרי.
איך גיי אין קליינעם שולכל
זאָגן קדיש נאָכן טאַטן.

פאַררוקט

שווערער אומעט אויף רויע הערבסטיקע טעג.
עס טוט אַ שיין אַ מינוט פון אונטער וואָלקנס.
אַ שטיקל רויטער הימל מיט זונפאַרגאַנג.
הינטער אונזער גרויען שווערן לאַנד
גייט אַ גאָלדענער פייער וועג
אין מאָרגנלאַנד אַריין.

אַהער קומען אַן אַלץ שווערערע טעג.
און קראַנקער ווערט די זון.
די לבנה קומט מיד,
מיט חלומות טריבע.

אונזער דאָרף, אונזער קליין לאַנד.
ליגט אין טאָל,
פאַררוקט הינטער דער וועלט.

איינציקע פייגל פון הינטער שייערן פליען אַרויס.
איינציקע פייגל אין דער שטומקייט פלאַטערן.

ביי דער אָפענער טיר פון שכנ׳ס הויז
ליגט שוין דאַכט זיך די נאַכט.
הער, עס טונקלט.

פרי

דערהויבנקייט פון גרויסע מויערן
אין דער ליכטיקייט פון אינדערפרי,
קלאָרע ווייסע הענט האָט די מי.
ווייסע פליגל האָט דאָס טרויערן.

טוי ליגט אויף מיין איינזאַמקייט,
טוי טריפט פון מיין עלנטקייט.
דער דינער שטויב אויפן טראָטואַר.
פאַרלאָשענער גאָלדענער זשאַר.

איבער דער פריער לופט פון שטאָט,
גאָלדיקן די פינגער פון גאָט.

מיט זיין כבוד,
מיט זיין הייליקייט,
מיט זיין ריינקייט
מיט זיין גוטסקייט
גייט דורך גאָט
אינדערפרי אין שטאָט.

III

ווײַן

לענדער ווערן ווײַט און היימען — פֿרעמד.
און פֿרעמד דאָס קלײַן ביסל געשענקטע צײַט,
ווי אַ געשענקטע העמד.

וואַרטנדיקע אויסגעגריזשעטע וואָכנטעג
בײַגן זיך פֿאַרשמאַכטע אויפֿן גרויען וועג —
אפֿשר גייט שוין שבת . . .

מיטוואָך? אפֿשר פֿריער נאָך אין וואָך.
אַשיק, פֿאַרוואָלקנט אַלט און אָפּגעקראָכן
צוגעקלעפּט דאָס לײַב צום יאָך,

כ׳הער, דערשמעק דאָ נאָענט, שטאַרקער ווײַן,
רײַפֿט און ייורט און שוימט, עס בלענדט אַזש
פֿאַרן אויג אַזאַ מין רויטער שײַן.

כ׳הער, דערהער דאָ נאָענט וועבט זיך
בלויע יומטובדיקער זײַד.
פֿירט מיך אין די קאַלטע שוואַרצע קעלערן אַרײַן.

וואַרימע אַלטקייט

אויפן גאַס איז זומער און ווינטער איוסגעמישט,
זון און שניי און היימליכקייט.
ווי היימיש איז די וועלט.
ווי היימיש און ווי גוט אויף דער וועלט.

אַן אַלטער מענטש.
אַלט און אַליין אין אַ ליכטיקער שטוב.
אויסגערונען איז שוין באַלד דער גאַנצער זאַפט פון ווילן
אין דער מאַטער פוילקייט פון זיינע זיבעציק-יאָריקע ביינער,
פרעמדקייט שפרייט איר קעלט שוין איבערן ווייסן בעט
אַז ער זעט ווייסקייט ווערט אים קאַלט.
האָט מען אַ לייטערל אַ קליינס געמאַכט,
אַוועקגעשטעלט דאָס לייטערל צום אויפנאויוון,
נאָכמיטאָג נאָך נאָכמיטאָג
קריכט ער אַהין אַרויף
אין דער טונקלקייט איז וואַרימקייט,
אין דער טונקלקייט איז אַלטע היימליכקייט.
קאָרטשעט ער צונויף זיין גוף
און נורעט זיך, און נורעט זיך
אין טונקלקייט און אין וואַרימקייט.
און פון זיין איינגעקנייטשטן אַלטן גוף
גייט אויף אַ וואַרימער שלאָף איבער אים.

אויפן גאַס איז זומער און ווינטער אויסגעמישט,
זון און שניי און היימליכקייט.
ווי היימיש איז די וועלט.
ווי היימיש און ווי גוט איז אויף דער וועלט.

לבנה־דיק דאָרף

לבנה׳דיק דאָרף.
לבנה׳דיקע הערבסטנאַכט.
איבערן קילן גלאָז פון שמאָלן טייך.
איבערן דינעם וואַסער פון די קליינע פענסטער.

יונגע ביימער פרומען, וויגן זיך.
שעה׳ן הילן זיך אין דורכזיכטיקן זייד פון ווייט,
אויפן טייך וויסלט זיך אַ שטילער אומעט.
די שטיבער שלאָפן אין חלום.

אין וואונדערליכער רו.
אין אייביקן פרידן,
שטייט דאָס דינע שלאַנקע קלויסטערל.
לבנה׳דיקע הייליקייט
איבער זיינע גרינע שפיצן.
מיידלש און אַליין
מיידלש און פרום
ראַפאַעליש קלאָר און לבנה׳דיק.

ווער איז דאָרטן דאָ:
ווער שלאָפט דאָרטן?
ווער גייט אום דאָרטן,
דין ווי דאָס קלויסטערל,
גרין ווי זיינע שפיצן,
ווייס ווי די לבנה?

לנבה׳דיק דאָרף.

וואָרט

וואָרט, עפנסט זיך העל פאַר מיר.
עפנסט זיך ברייט און ליכטיק פאַר מיר,
נאָר אין דיין אָפענער טיר,
בייג איך זיך נאָך אָפט אין צענטן איין.
און איך דערזע, דערהער און שפּיר,
דיין אַלטקייט און דיין האַרטקייט און דיין וואָג.
און מיר איז אַזוי שווער דיך צו פאַרטראָגן.
און מיר איז אַזוי שווער אין פולקייט און אין ליידיקייט אָן
דיר.
אַלץ און גאָר גייט אָפּ פון מיינע אויגן.
אַלץ און גאָר צעווייט פון אונטער מיין האַנט.
דער הימל, די ערד, די וואַנט.
און קיין־זאַך ענטפערט ניט, פאַרענטפערט ניט.
נאָר דו, מיין וואָרט, מאַכסט אויף אַ רגע ליכטיק, קלאָר,
און וואָס ס׳איז דאָ,
און וואָס ס׳איז געווען,
און וואָס ס׳וועט זיין
איז וואָר.
ס׳אזי וואָר, עס איז געווען, עס איז און עס וועט זיין.
אָ, וואָרט. עפן זיך ברייטער, אָפענער פאַר מיר.
כ׳בין אויסגעשטרעקט אַנטקעגן ווייט און וועלט און לאַנד,
און ס׳שרייט צו מיר אַזויפיל שטומקייט אין די אויערן.
און ס׳שרייט אַרויס פון מיר אַזויפיל קרומקייט און בלינדע
טרויערן
און סשטוינגט אַרויס פון מיר אַזויפיל שטיין.

הערבסטלאַנדשאַפט

אַלטע דעמבעס שטייען נאַקעט אויפן הייליק-אָרט.
דער פלאַטערדיקער זייל פון אַ מחנה פייגל אין דער לופט.
די פונקען פון אַן אָפענער קוזניע-טיר,
אינמיטן וועג אַרוים פון דאָרף.
אַן קיינעם, אַליין, פאַר-זיך-באַוואוסט
גייט אַ שלאַנקער יונגער פערד צום שטאַל פון זיין באַלעבאָס
געל-געשטאָרבן גראָז פונבײידע זייטן פעלד.
אַן אַלטער חרוב'ער גוי.
אויף אַן אָנגעפּאַקטן וואָגן מיט שטרוי.
און — ס'איז שוין פאַרנאַכט.
און ס'קומען שוין אַרוים שטערן.
קליינע טירעלאַך עפענען זיך אין דער וועלט.
שטיבער און היימען מיט ליכטיקע פענסטער.
ווער עס קומט פון טריבן וועג,
זאָל אַריינגיין צום אוונטמאָל,
און אויך איבערנעכטיקן.

ווי אַ קאַץ

איצטער שעפּן נאָך די אויגן און די ליפּן
זון און הימל, וויפיל נאָר זיי ווילן.
און דער דרויסן איז אָפן,
און די ערד איז גרינג,
און די ערד איז אַ ברייטער רינג,
אַ קײלעכדיקער טיש, מיט עסנוואַרג.
נאָכדעם, אָבער,
וויפל פערד וועסטו דאַרפן איינשפּאַנען אינם קליינעם וואָגן
ווען דו וועסט וועלן אַרויף אויפן שפּיץ פונם קלענסטן באַרג.

מיטן ערשטן ריר פון אָרט,
וועט דער טאָג הינטער דיר צושאָטן ווערן.
און זיין געל זאַמד וועט זיך אַרונטערשיטן וויסט.
און אַנטקעגן דיר וועט שטיין דער אוונט אַלט,
מיט צעקנייטשטע ליפּן
מיט אויסגערונענע אויגן,
ווי אַן אַלטע קאַץ.

פון דאָרף

געשענקטע שיינע אינדערפריען,
מיט קילער זון און שטילן שאָטן.
און שטעגן שמאָל און אויסגעטראָטן
פון דאָרף אין וועלט אַריין זיך ציען.

בוימער, רויט ווי גרויסע רויזן,
אין האַרבן פייערליכן טרויער.
זיי רייצן אויף מיט ווייַן און זויער
די בלויע לויטערקייט פון דרויסן.

געשענקטע פרידליכע פאַרנאַכטן
אין וואונדערליכע זון־פאַרגאַנגען,
אַזויפיל צוּיבערליכע קלאַנגען
אַזויפיל הייליקער פאַרטראַכטן.

צועפּן, עפּן האַרץ און אויגן
און הער זיך איין מיט קלאָרע אויערן:
עס עפענען זיך גאָלדענע טויערן
אונטער אַ רייכן רעגנבויגן.

אין קאַלטער זון

ה. נאַוואַקן

צוגראָבן לעבן קעגן דער קאַלטער זון פון הערבסט.
קראַנק פעלד נאָך זאָרג פאַרגראָבענער, פאַרלאָרענער.
אַ ווינט מיט גרויע פליגל פאָכט איבער דיר מיט רויער
קעלט··
און וויינט אויף דיר.

אַלץ ליגט אין פוילן אטעמען צווישן אומפרוכטבאַרער ערד.
קליינע פייכטע ווערים קריכן אום און גוססן אין נאַסער
קעלט,
קיין שאָטן פון קיין פייגל פאַלט ניט פון דער הויך
אין דער הויך איז בלויער מדבר.

ביי די ברעגן, אין די ווייטן ליגן קליינע גערטנער רויזן.
און סעדער אויפגעשוואָלענע מיט ווייניקע עפּלבוימער.
ביי די ברעגן, אין די ווייטן ליגן שטעט און דערפער,
אין הערבסטיקער קילקייט.

דו צוגראָבן לעבן קעגן דער קאַלטער זון פון הערבסט
פון דער האָפנונגספולער זאָרג אין פוילנדיקער ערד פאַרגראָבן
קריכן מיאוסע נאַסע ווערים און זיי שטאַרבן
אין קאַלטער זון פון הערבסט.

קאַלטע הויכן

די רו ווערט אויפבליען פאַר מיר — סוף־זומער איבער לאנען.
רייפע שווערקייט, האַרבע ריחות, רויע פאַרבן.
מיט בלוי־זיך־שאָטנדיקן גאָלד פון ראַשן וויאַנען
אויגן אפענע פון שווערן צער און וואונדער פאַרן שטאַרבן.

הויך וועט ווערן.
קלאָרער זילבער בלוי אין אַלע האָריזאָנטן.
איבער לאַנד און לאַן פאַרבלייכט דאָס בונטע שפּיל
פון מאַטע קרענקליכע אָפּאַלן.
אויף פלויטן נאַקעטע גלעט מילד
די גוטע האַנט פון יענעם נאָענטן
וואָס וועבט זיין טרוים־געוועב אין אָפּגרונטן
און האַלט אַ רגע אָפּ דאָס גרווילנדיקע בלינדע פאַלן.

אויפן געמיט איז פייכט.
קאַלטער טוי אויף געלע גראָזן.
וועגן ליידיקע ווי גרויע שטאָמען
מיט שמאָלע קרומע צווייגן.
ווי ווייט, און וואָסער וועלט פאַרגייט דאָס קאַלטע שווייגן?

פון מי

דורך דער שווערער האַרטער מי,
גייט דורך די רו אַזויפיל מאָל.
הויכט אויפן אָנגעגליטן שטאָל
אָטעמט אויפן רויטן גלי.

הויכט אויף דער איינגעמידטער האַנט —
די אָדערן רוי און בלוי און גרין,
דורך פיבערדיקע קראַמפן צי׳ן
אין ענגן גליווערן געשפּאַנט.

הויכט אויפן איינגעבויגטן קאָפּ —
דאָס זילבערדיקע ליכט פון פיין,

שטילע, שטילע שפּיזלאַך שיין
ווערן ווייס און בלייכן אָפּ.

זי אָטעמט אויף דער רויער מי,
ביז וואַן דער האַרטער טאָג פאַרגייט,
דאַן טוט זי אין דער הויך אַ פלי
און פייפט, און פייפט
איבער גאַנץ ניו יאָרק.

זעק מיט אַש

נעם צו דעם הימל פון זומער,
און פאַרמעק דעם פּאַרק פון אַנטקעגן.
נעם צו די באַרן פון זומער,
די עפּל און ווײַנשל און נים און גרינס,
און לאָז איבער די שטילע שפּינוועבסן זיינע,
די קאַלטע שפּינוועבסן זיינע:
דעם הערבסט מיט די אונטן זונטיקדיקע.
אין אוזאָרן פון טרויער און גאָלדשיין,
אַרום די פענסטער און ווענט פון די שטיבער
אַ, דערדאָזיקער גאָלדיקער שיין
אויף די ווענט,
אויף די הענט
אויף די ברעמען,
אויפן קאָפּ,
ווי פול, ווי שווער,
ער ליגט.
און פאַלט אַראָפּ.

און מאָרגן אינדערפרי.

ווי אין זעק געהילט,
אַרבעט אַן זיבן זונען,
אַרבעט אַן זיבן זונען,
אויף דער הוילער ערד פון דער וואָך.

אַ דאָרף

דאָרף.
פרומע, פריילעכע טרויריקייט.
אינדערפריען שפילן זיך
מיט דינע קרישטאָלענע רייפן.
בלאָזן זיי מיט ווינט
איבער די דינע סטעשקעס,
צווישן שטיבלאַך און גערטנער
און קליין־געוויקסיקע וועלדלאַך.
בלאָזן זיי דורך איבער די טייכלאַך
ביז זיי שלאָגן זיך אָן אָן דער מיטאָגדיקער זון
און ווערן צובראָכן מיט אַ גאָלדענעם קלונג:
נ־אָ־כ־מ־י־טאָג.

ווי שעמעוודיקע מיידלאַך קומען צוגיין די אָוונטן.
בלייבן שטיין צווישן די שטיבער און גערטנער,
בלויע, פרומע טרויריקייט.
הינער גייען אַרום מיד
ברונימער שטייען שטיל,
הינטלאַך זיצן ביי פאַרמאַכטע טירן.
קוקן אין דער וועלט אַריין משונה׳דיק.
זיי פילן אַז די לבנה קומט,
און עס שמעקט מיט אויסגעלאָשענע פייערן.

מאָרגן

איך האָב זיך אָנגעקניפּט אָן אייך,
און האָב אייך ליב־געקראָגן,
און גרינג איז מיר אין אייער אָרימרייך,
מיין אויגן אָרימקייט צו טראָגן.

און ליב איז מיר אין אייער שווערן עול,
מיין קליינע האַנט אַוועקצולייגן,
און בייגן זיך אונטערן קאַלטן שטאָל,
פון נויטן מיט פאַרצויגענע אויגן.

דאָך שלים איך מיינע טירן־פענסטער צו,
ווען בלינדער אומגליק נעמט זיך שפּרייטן
אין מיינע ווינקלען מיט זיין טויטער רו
מיט זיינע ווייטיקדיקע טויטן.

ווי אַ קבר שטייט פאַרמאַכט מיין הויז.
בלינדע לאָדן ווי אַראָפּגעלאָזטע ברעמען.
און כ׳גיי פון מיינע דלת־אמות ניט אַרויס,
טרויעריק באַגעגענען אייך ווען.

איך רו . . . מיין הויז איז צוגעמאַכט,
איך האָב זיך ניט פון אייך פאַרבאָרגן.
זאָלן היינט נאָך מיינע לאָדן זיין פאַרמאַכט,
איך וועל זיי עפענען מאָרגן.

פּאַראָומערטע

פּאַראָומערטע, דער טויט לאָזט נאָך זיך נאָר אַ דינע כמאַרע
טרויער.
לייטערט אויס אייערע אויגן אין אייערע געמיטער.
די זיבן שבעה־טעג זיינען שוין אַריבערגעגאַנגען די שוועל.
זעט, דער זומער האָט אָנגעפילט דעם מאַרק מיט שמעקנדיקע
גרינצייגן.
ביים פענסטער שטייט דער בלינדער בעטלער
און שפּילט זיין בלינדן ניגון אין קלאָרן הימל אַרויף.

פּאַראָומערטע, נעמט אַראָפּ דעם קרעפּ פון אייערע שפּיגלען.

אין די פרימאָרגנס שמעקט מיט גרינע בשמים דער בית עולם.
ווער קאָן אויסזינגען די רו פון יענער וואונדערליכער טיפער
שטילקייט
וואָס מצבות טרויערן אונטער אַ שטערנדיקע נאַכט.
ווער קאָן אויסזינגען די ליבשאַפט וואָס איז צושפּרייט און
רוט
אויף בוימער, בוימלאַך, גראָזן אַרום קברים.

פּאַראָומערטע, נעמט אַראָפּ דעם קרעפּ פון אייערע שפּיגלען.

גייט דורך די ברייטע אויסגעליכטיקטע גאַסן,
באַגעגנט פריינט נאָענטע און חברים,
פאַרנעמט די טרייסט וואָס זיי רעדן צו אייך, ווען די זון
שיינט נאָך.
דער טאָג פאַרגייט, און פון די גאַסן רינט אַרויס די זון.
און ווי מצבה׳ם בלייבן שטיין די שטיבער אַלע
מיט בלינדע מיילער און בלינדע אויגן.
און אויפן שפּיגל פון הימל הענגט סוף־חודש׳דיקער קרעפּ.

אַן אַלטער שכן

ווייזער טרויער צייטיקט אין זיין אַלטן הויז.
קלוגע שטליקייט רייפט צעווישן זיינע ווייסע ווענט.
און פון זיין גאַנצן פּנים זילבערט אַזאַ וויים ליכט אַרוים —
דאָס העלע אַש פון אַלץ וואָס האָט אין אים געברענט
און איז פאַרברענט.

מיר זיינען זיינע פריינט. מיר קומען אין זיין הויז
פאַרנאַכט מיט גרויע אויגן, טריב און באַנג.
פון אונזער שוויגן הויכט אַזאַ מין שטאָליק־קאַלטער קלאַנג
און אונזער רעדן — אויסגעוועבטער וויין.
מיר זיינען מיד און קראַנק.

מיר זיינען גרוי. נאָר צווישן זיינע אַלטע ווענט
ביים הייסן גאָלד פון שטאַרקער טיי,
אַרום זיין אַלטן ברייטן טיש,
הערן מיר, מיט פריידיקער ציטערניש,
די וואונדערליכע מעשה פון זיין „רייזע".
פון זיין ביטערער נסיעה . . .
ער האָט נאָך איצט אַ גוטע ראיה ,
און ער זעט, ווען ער דרייט אויס דעם קאָפּ אַהינטער
אַלץ וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען פריער.
נאָר ס'איז איצט ווינטער
ווי אַ בייזער הונט
וואַיעט דער ווינט ביים טיר.
און די פענסטער זיינען אַזוי פאַרשוואָלן,
מיט בוימער, בערג און טאָלן.

אבלדיקער געגנט

די אויגן פונם ערבסט-טאָג זיינען מיד און רויט.
און טוקן זיך צו דרערד אַראָפּ.
דאָס לאַנד איז הויל,
און גייט אַוועק אין ווייטן אָרימע.

דאָס דאָרף איז אָפּגעברענט,
עס לעשן שטיקלאַך גאָלד זיך
אין טויבע ברונימער :
ביי ברעגן טייכן
און ביי ברעגן דעכער.
בוימער טרויערן,
שטיבלאַך ווערן קלענער נאָך.

דאָס דאָרף איז הייזעריק.
לויטערער קאַלטער אוונט אין הימל.
הויפנס איידלשטיינער
אין רויטן זייד פון וואָלקנס.

קום, קיין לבנה וועט ניט קומען היינט.
איידער ס'שטרעקט די נאַכט איר פליגל אויס
און נעמט פאַרלעשן און פאַרלייקענען.
קום אַוועק פונדאַנען.

אין טומאַניקן טאָג

אינמיטן שטאָט — דער ברעג פון ים,
דער ברעג פון ים איז אַריינגעקומען.
און שיפן מיט רויטע און מיט בלויע קוימענס
זיינען אין שטאָט אַריינגעשוואומען.

אין מידן ראָם פון גרויען טאָג
דעם כמורנעם הימל קאַלט אַנטקעגן,
זיינען די שיפן געשטאַנען פרעמד,
איז פרעמד דער ברעג פון ים געלעגן.

דער האַרבסט האָט זיך אין שטאָט געשפילט
מיט פוילן ווינט און שטיקלאַך רעגן.
מיט געלן בלעטער־מיסט פון פאַרק,
פאַפיר און שטויב פון גאַסנוועגן.

דער אוונט איז געקומען טריב,
און איז ביים ברעג פון ים געשטאַנען
געקוקט פאַרוואונדערט אַרום זיך,
און ניט געוואוסט פון ווען און וואַנען . . .

זינדיקע

אויף זייער בלוטנדיקער שולדיקייט און זינד —
מיט ווייסן לייוואַנט צוגעדעקט דאָס טויטע לייב.
די פּנימער פאַרשלאָסענע אין שטומער בושה,
פאַר דער רואיקייט און אייביקייט פון שטויב.

די ערד דעקט צו מיט שטילקייט און מיט צער,
די ערד באַהאַלט, פאַרהייליקט און פאַרהילט,
די זינד אינאיינעם מיטן ווייטיקדיקן סוד,
און ליגט אויף די פאַרמאַכטע אויגן ווייך און מילד.

ריינער, ווייסער אָנדענק בלייבט נאָך זיי,
די ערד פאַרגיט, פאַרגיב זיי אויך די זינד,
וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן דיר.

ריינער ווייסער אנדענק בליט נאָך זיי —
אויף דער פאַרלאָזטער שוועל פון זייער טיר
זיצט אַ אינגעלע אַליין אַזוי, אַ קינד.

טויטער גרוי

אַ קליינער מיאוסער בוים,
ביי אַן אַלטן הויז.
הימל — קאַלט און גרוי,
אומעטיק און גרויס.

דער טאָג — קוים אויף דער ערד.
אין מידיקן טומאַן —
אין היימלאָזן פאַרנאַכט,
אַן אַלטער אָרימאַן.

טומט א שאָרך א טיר,
טומט אַ קלאַפּ אין שויב.
ווידער — גרויע וועלט,
אומעטיק און טויב.

דער הימל ציט צונויף
ווערט בלעכעדיק און האַרט,
צעוויקלען זיך אויף דר'ערד.
שוואַרצע פּאַסן נאַכט.

רואין

טויטער אומרו און רואין.
פונם קאַלטן אַש אַרויס,
קלאַגט און קלאַגט זיך אַלץ ניט אויס,
גליט און הערט נישט אויף צו גלי'ן.

פון דער אַלטער טונקלקייט
ריצט אַ שפּיץ זיך פון אַ גראָז,
שאָטן פון אַ וויסטן שלאָס,
שטאַרט און נאַכטיקייט און טויט.

איך, אַ שפּין אין דעם רואין,
לייג זיך דאָרט פאַרנאַכט אַנידער,
דין אַזוי, אַן גלוט, אַן גלידער,
און איך שפּין עפּעס און שפּין.

מידע אַלטקייט שפּין איך אויס
און מיט אַש וויל איך פאַרציען,
אַלץ וואָס וויינט פון מיר אַרויס,
אַלץ וואָס רייסט זיך ערגעץ פליען.

אין ניו יאָרק אויך

ס'איז אַזוי שיין און אַזוי אמת גוט,
וואָס איבער דער גרויסער און שווערער ניו יאָרק,
שפּרייט זיך אוים אַזויפיל מאָל אַ שטילער בלויער הימל.
און טעג זיינען דאָ,
וואָס גייען אַרום צווישן די מויערן
אַזוי וואויל און ליב ווי צווישן דאָרפשטיבער.

און ס'איז אַזוי שיין און גוט,
וואָס אינם קינדערשן אויפבליען פון זומער,
גייען אַרום אין די גאַסן פון ניו יאָרק,
אַזעלכע מוטערליכע פרויען.
פרויען ווי אינדערפריען,
און פרויען ווי אָוונטן,
מיט העלקייט און טונקלקייט פון ליבע,
און מיט קינדערשן פאַרשוויגענעם חן,
וואָס בעט זיך אַזוי שיין:
ש־ל־אָ־אָ־פ־ן . . .

און ס'איז אַזוי שיין און גוט,
וואָס אין די היילן וואו די שווארצע באַנען לויפן,
דורך די רונדע פענסטערלאַך פון די טראָטואַרן —
דורך די זוניקע שפּיגעלאַך,
זשומט דער זומער.

און נאָך די קלאַפּנדיקע טראַמווייען,
גייט נאָך דער בלייכער נאָכמיטאָג,
ווי אַ מיד ענטל.

פאָלק

דאָס פאָלק אין זיינע טאָגיקע גאַסן.
רוישט דורך רויען אייזן און דורך שטאָל.
ווי שטיל עס גייט אַרוים פון זיינע גאַסן,
ווען דער טאָג ווערט דין און שמאָל.

דאָס לעצטע חלב׳ליכט פון זון נעמט אויסגיין
אין דער נאַכט אַריין ווי אין אַ טאָל,
גייט דאָס פאָלק מיט מידע טריט אַרונטער,
מיט מידע טריט און מיט אַ מידן קול.

און אין די צוגעמאַכטע פאַרטראַכטע שטיבער
וואו שווערער און וואו גרינגער שלאָף צושפּראַצט,
און אויף זיין שווייסיקער טומאַנער מידקייט, —
אַ רויכיק פייער-צינגל טונקל גלאַצט.

אַ נאַכטיק זייגערל טרערט רגעדיקן רעגן,
און קריכט אַרום אויף שטילן דיל און וואַנט.
און פונם בעט אַרונטער אָדערדיק און טרוקן,
הענגט שלאָף אַ שלאָפנדיקע בלינדע האַנט.

שלאָף און רעגן

ווי וואונדערליך עס שפּילט אַמאָל
אין וויין פון דיינע מידע בלוטן אויף
אַזש מיט אַ ווייסן שוים פון טרוים,
דער וואַרימער געשמאַקער שלאָף.

און די פאַרמאַטערטקייט פון טאָג

פון דיינע שווערע הענט וועבט אויס.
און אינם ריח פון דיין שלאָף.
פֿאַרשלעפּערט זיך דאָס גאַנצע הויז.

די ווענט, דאָס מעבל, שלאָפֿן מיט
און וואַרימקייט פֿאַרוויגט מיט דיר.
די פֿענסטער ווי פֿאַרמאַכטע אויגן
גיבן מיט קיין ברעם קיין ריר.

אין דרויסן גיסט אַ פּוילער רעגן,
און וועקט דעם שלאָפֿנדיקן דאַך.
און פֿאָרט אַרום איבער די גאַסן —
אַ וואָגן מיט קליינע רעדעלאַך.

קומט דער זשאַווער

אַז די שאַרפֿן ווערן טעמפּ.
קומט דער געלער זשאַווער.
טוט אַ קוש די טעמפּע שאַרף,
און לייגט זיך שווער אַנידער.

איינגעגליווערט. שטום אין זיך,
ליגט די טעמפּקייט ביטער.
אַטעמלאָז, און לופֿטלאָז. שטאַר,
שטיקט אין איר דער זשאַווער.

אַלטקייט פֿון מיליאָנען יאָר
נעמט די טעמפּקייט פּרעסן.
און דער וואָרים פֿון דער וואָר
גריזשעט זים און זשעדנע.

טוים און אַטעמלאָז צופאַלט
די טעמפּקייט און צושיט זיך —
געלער אויסגעגאַנגטער אַש.
אין פאַרלאָשן גאָלדשטויב.

רייפער וועלק

נאָך קיין פולע גאַנצע דרייסיק יאָר טרעט איך אויף מיין
ערד ניט.
און שוין געלט אויף מיר די וועלט אין קראַנקער רייפקייט.
איך וויל אַוועקגיין. וויל אָפּטרעטן דעם וועג.
מיך ציט אין שאָטן פון אַלטע קרומע פאַרקאַנס,
און דער ריח פון וועלק וועקט אין מיר זיסע טרערן.
שטיל וויל איך נאָכגיין נאָך די ליידיקע וואָגנס אין וועג,
ווען די פעלדער ליגן ווי גרויע אָראָפּגעפאַלענע פליגל.
אויף קאַלטליכע גרינע מערב-הימען,
אין דער שאַרפער רייפער קלאָרקייט,
הענגט דאָס האַלבע לבנה-רינגל. גאָלדיק. דין.
איך פאַרקוק זיך אין דער הויך.
קוק זיך אַרום.
און וויים קלאָר דעם וועג, די וועלט.
און וויים קלאָר וואו צו גיין,
נאָר איך וויל דערהערן אַ קול וואָס רופט מיך,
רופט מיך פון פאַרבלאָנדזשעטקייט . . .

אַ היילִיקער

שולדיקע און זינדיקע,
און די שטראָף אויף זיי ווי גאָלד — געוואויגן
זע, אַט קוקן זיי
מיט אַזאַ העלער בלויקייט אין די אויגן.

די זינד איז אָפּגעמעקט.
דאָס שלעכטס — פאַררונען און פאַרלאָפֿן.
זע, ווי ס'וויגן זיך די קעפּ ביי זיי
אין געשמאַקער שמאַכטעניש צום שלאָפֿן.

מסתמא וואוינט אַ היילִיקער צעווישן זיי.
ער זעט עס זאָל פון זייער לעבן
יעדער שאָטן, יעדע בייז אַנטרינען.
ער בעט צו גאָט,
ער רעדט צו גאָט,
יעדן אוונט און באַגינען.
גאָט שטראָפֿט,
און טוט אויך פאַרגעבן.

און — אָפּגעמעקט איז גאָר די זינד.
איז יעדערער ביי זיך אין שטוב,
אין אומשולדיקער רו און דרימל.

אין דרויסן אויף דער גרויסער וועלט
גייט די נאַכט אַרום.
לויטערע שטערן אויפן הימל.

עס וואוינט צעווישן זיי אַ היילִיקער.

אין אַ פֿריִען זומער

אַ מידער קריגערישער דור,
קומט שטויביק צום טויער פֿון זיין שטילן דאָרף.
מיט הוילע פּויסטן קלאַפּט ער אָן אָן דעם פֿאַרמאַכטן טויער.
קליינע אינגלאַך און מיידלאַך לויפֿן אַרויס אַנטקעגן
מיט אויסגעשטרעקטער פֿרייד.
און דער קלויסטער קלינגט.

דער מידער קריגערישער דור,
רוט אָפּ ביים גרינעם זוים פֿון פֿריִען נייעם זומער.
די זון האָט אויסגעהיילט דאָס חרוב לאַנד,
די קראַנקע שלאַפֿע האַנט.
פֿון יונגע טעכטער שפּאַצט אַרוים דער רייץ
אַזוי ווי בלוי פֿון הימל, גרין פֿון טאַל,
און גוט און וואַרים איז אין דאָרף.

ס'איז אוונט.
אונטער נידעריקע סטעליעס.
ביים שיין פֿון קליינע לעמפּלאַך
חשב'נען די אַלטע לייט די פֿודן מעל פֿון מיל
וואָס מ'האָט אַוועקגעפֿירט אין שטאָט,
אַלטע באָבעס וויגן ווייניק־פֿיינליכע זכרונות
פֿון אייניקלאַך וואָס רוען שוין אין אייביקן שלום מיט גאָט.
פֿון הינטער זייערע ברילן בלייכן זיך די אויגן
צום זילבערנעם צלם אויפֿן וואַנט אין ווינקל.

בערג און נאַכט

דער אוונט נעמט אַרום די בערג מיט בלויע הענט.
אַלטע מתנות וואַלד אין אַלע האָריזאָנטן.
אַלט, רואיק, מיד און קלוג
איז דאָס פּנים פון דער וועלט.
עס ווערט נאַכט.

ליימיקע טונקעלע וועגן
פירן ווייט אַראָפּ אין טאָל.
פון דאָרט גייט אויף די שטילקייט.
דער אָוונט,
די נאַכט.

שטיבלאַך שטייען, ליגן ביי דער זייט.
גייען אַוועק מיט לאָמפּן אין די הענט.
אַלץ איז איינזאַליין אין וועג.
און — דו ביזט איין־אַליין.

נאָר פון דער ווייט,
קומט אָן אַ בוים צו דיר,
הינטער דיר,
גייט אַוועק אַ בוים.
און אין דערנידער רינט דאָס נאַכטיקע וואַסער,
טראָגט פישטשענדיקע פייגעלאַך אין ווייטער וועלט אַריין

ווייס און וועלק

זייערע פּנימער
גרויען
און וועלקן.
און דעקן זיך צו מיט שימל.
נאָר אונטער די דאַרע צווייגיקע הענט
וואַקסן אויס אייניקלאַך
מיט אויגן פול־ליכטיקן הימל.
פייגל אין גאָרטן,
אויף הערבסטיקע צווייגן.
ווינטער קומט אָן,
מיט ווייטן אומענדליכן שווייגן. —
נאָר אייניקלאַך וועלן זיך אָנפּעלצן וואַרים
און וועלן אין זוניקן פראָסטיקן טאָג
אויף שליטנס אַרויספאָרן ווייט הינטער פעלד,
אין דער וועלט אין דער לויטערער,
און אָפּשטעלן וועלן די שליטנס זיך שטיל
ביים טויער פון ווייסן בית עולם.

ביי ווייסע מצבות —
מיט ליבשאַפט,
מיט יוגענטליך־רויטע פאַרפראָסטיקע פּנימער,
מיט פרישער און קאַלטער פאַרטרויערטקייט.
וועלן זיי שטיין אין זון און אין פראָסט,
ביי די ווייסע מצבות
און מיט כבוד דערמאָנען און רעדן
פון זיי —

זייערע פּנימער,

גרויען
און וועלקן
און דעקן זיך צו מיט שימל.

שפרייטסט

שפרייטסט אויפן הימל דיין פרידן און גוטסקייט,
אין בלוי און אין גרין פון פארנאכט.
אויפן זיידענעם גראָז פון פאַרנאַכט.

אונטער דיין טראָן — ביי די מערב׳דיק־מאַרמאָרנע טרעפ
נעמען בונטיקע שטראַלן צושפרייטן
בלענדיקע קייטן און קווייטן
ווי אויפן ארון פון א טויטן.

איינזאַמקייט זינגט אין דיין פרידן און גוטסקייט
אין פייערליך־קלאָרער מינוט.
אָ, לאָז מיך זיך אויסוויינען גוט
ביי דעם ארון וואָס נידערט אין מערב,
אין טונקל־פאַרגליווערטן בלוט.

אָ, לאָז מיך אַצינד אין דיין פרידן און גוטסקייט
לייגן זיך אונטערן שאַרך פון דיין טריט.
אויף די מאַרמאָרנע טרעפ פון דיין טראָן
וואָס פאַרלעשן זיך, —
לעשן מיין פלאַמיק געמיט.

אָפּאַלן

1

און יעדער שעה מיינער איז אַ מינוט
פון לעצטן טאָג מיינעם פאַראַן.
אַ פּינטעלע אַ שוואַרצס אין רויטן בלוט
אַ שוואַרצער פּונק אין רויטליכן טומאַן.

מיט אַ ווייסער זילבער־רויט אין האַנט
זינק איך טיפער אין אַ טויטן רויך.
— — — — — — — — — — — — —
איך בין געווען אין אַזאַ וואונדערליך־שיין לאַנד
און אַזוי הויך — — אַזוי הויך — — — —

2

ביים ברעג פון מיין טאָג
אין האַלבע שאָטנס פונם אָוונט, —
ווי ניט־גאַנץ מיין לעבן ווערט,
ווי ניט־קלאָר מיין וואָרט טריפט
אין שטילקייטן.

ווי ניט־גאַנץ דו שטייסט פאַר מיר.
מיינע רייד ציטערן אין אומזיכערקייט.
דאָס גאָלד פון דיין שטים
קלינגט אומעטיק.

איך זינג דורך מיין שווייגן צו דיר:
אָוונט איז מיר יומטוב.

רו.
ערב שבת.
בענטש ליכט
ביי די טונקלדיקע פענסטער.

3

פשוטע טעג אין א הארבסטיקער וואך.
אזא ליכטיקער דארף, אזא פריידיקער דארף.
מיין עלנטיק לעבן, אט־די עטלאכע יאר.
זיי שטייען ווי נאר־וואס פארקופערטער וואלד
אין דער זון פון סעפטעמבער.
איך האב צובלעטערט מיין פיין אזוי דין
ווי שפינוועבדיק זייד.
מיט שפינוועבדיק זייד
וועל איך פארהילן מיין טויט.

4

צי ווילסטו מיך פארטיליקן.
פונלאנג שוין אז דו האקסט מיין שטאם.
נאך לענגער מנהסתם ווי איך זע און ווייס . . .
נאר זיי פלעגסטו כאטש פירן פארן האנט
צו די אפענע טירן פון געבעט.
מיך האסטו אפגעלאזט אין שטארן עלנט
פון פארלוירנקייט, פון וויינענדיקן גארן נאך דיין גענאד,
פארנעם איך דורך דער בלינדער וואנט פון א שטאל,
דאס הירזשען פון פערד ווי א טרויעריק געזאנג,
זייער שטומער צונג ווי מיין הארץ
קלאפט זיך אן אן א טויטער ברעט.

5

איך נעם אָן, איך נעם אָן,
אַלין נעם איך אָן פון דיין גערעכטיקייט.
און אַז איך לאָז פריי מיין האַרץ
און עס גייט איבער פון גאַל,
וויים איך, אַז איך שלאָג זיך מיט מיין קאָפּ
אָן טעמפּ פון מיין אייגענער קללה.
די קליינע מינוט פון פרומקייט,
איז פאַר מיר אַ שטיקל זכות.
און איך טרייסט זיך :
דו ווייסט. דו ווייסט :
איך בין ניט אינגאַנצן שולדיק.
בין ניט אינגאַנצן שולדיק.

6

מיין דערדרופּענע אפּענע קלאָרקייט,
געפינסט מיך אַ ווייטן אין ווינקל.
דו האָסט אַלע טירן און טויערן צענומען.
זיי מיר אַ קאַלטע לבנה,
פאַרזילבער, פאַרוויים
מיין שאָטן און מיך.
וועלן די אָפּענע טירן
און די צענומענע טויערן,
צוריק זיך פאַרמאַכן, פאַרשליסן.

קראָען

מיט אַ קרומען שוואַרצן פליגל,
דעק איך מיינע פיינען צו :
פיינען מיינע, קליינע קראָען,
ס׳איז שוין שפּעטער אוונט,
ס׳איז שוין שאָטן,
ס׳איז שוין רו.

אַזוי קינדיש, קינדיש זענט איר.
ציטערט — כ׳ווייס סאיז קאַלט, סאיז קאַלט.
שטילער שרעק אין אייערע אויגן.
הערבסט-קאָראַלן,
הערבסטיק גאָלד.

איך, אַ שוואַרצער ראָב אַ ווייסטער,
פייניק זיך מיט זיך אַליין.
איר זייט קינדיש, קינדיש,
ס׳וועט זיין מאָרגן.
ס׳וועט זיין שיין.

אייערע פליגלען, אייערע פליגלען
ווערן אַזוי סאַמעט-שוואַרץ,
ס׳וועט זיין מאָרגן,
וועט איר פליען,
און פאַרפליען,
פון מיין פוסטן קאַלטן נעסט —
פון מיין האַרץ.

קליין

איטליכער מיט דער קאַלטער קייט פון בלינדן אורטייל אויף
די לענדן.
און די שנאה זייט זיך אויס ווי גיפטיק גראָז איבערן שווערן
וועג.
די הענט פאַלן צו צום אייגענעם לייב.
און פייניקן, און פייניקן.

אָבער —
ווי ריין איז דאָס וואָס האָט זיך קיינמאָל נאָך ניט אָפּגעריסן
פון זיין פלייש אוןביין
ווי קלאָר איז דאָס וואָס איז געבליבן קליין און רואיק אינם
שפּיגל פונם אויג
וואו גאָט האָט אָנגעצייכנט די גרויע פאַסיקלאַך פון גרעניצן.

וואָס איז דען גרויס?
אַלץ דערגרייכט מיין רגעדיקן בליק.
אַלץ זאַפּט איין אין זיך מיין קורצער אָטעם.
באַשאַפן איז אַלצדינג באַשיידן, קליין,
אין האַנט אַריין צו נעמען אין זיך וואונדערן:
ווי ליכטיק גרינג עס איז!

לאָמיר גיין צום באַרג וואָס שטייט דריי מייל הינטערן שטאָט,
נידעריקע וועלן מיר זיך אויסזעצן צו זיינע פיס.
און בעטן גאָט ,און רופן צו אים:
ער זאָל אַראָפּקומען צו אונז,
ער זאָל אונז בענטשן —

מיר זאָלן דערזען ווי וואונדערליך קליין זיין וועלט איז אונז.

ווי וואונדערליך קליין און שיין די זון וועט שטיין ביי
אונזערע פענסטער,
ווען דער לעצטער קורצער טאָג אונזערער וועט מיט אונז
שטאַרבן
און גאָט וועט צונעמען אונזערע נשמות.

פלאַטערן

שטיקלאַך פלאַטערן זיי די מתנה׳ס פון די שיינע טעג ביי
מיינע פענסטער.
איך נעם זיי ניט אָן מיט אָן אָפּן הארץ.
זיי פלאַטערן פאַרביי מיין פאַרטאָיעט געמיט.
איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו ליכטיקייט,
און ווי אַ שוואַרצער פליגל איז זי געבליבן שטיין
אין פאַרגליווערטער ליידיקייט.
איך בין אָפּגעבראָכן פון מיין משפחה־הויז.
מיין גאָס איז זיבן שפאַן פון זייער גאָס,
נאָר ס׳איז שוין אַן אַנדער לאַנד.
אומהיימלאַכער שאָטן היט מיין גרעניץ.
איך קום צו זייער יומטוב,
דערשמעק דעם ריח פון פרישער זיסער זון
אין דעם ברוינעם צימרונג פון זייערע קוכנס.
אויף זיי אַליין רוימיקט זיך נאָך יענע זון,
וואָס האָט מיך אַמאָל אַרויסגעפירט אויף פרעמד אין וועלט
און מיך איבערגעלאָזט אַליין אין דער שפעט.

אין וואָכעדיקן טאָג

אײן וואָכעדיקן טאָג,
אײן וואָכעדיקע נאַכט.
האָב איך הײנט פֿאַר זיך
יומטובדיק געמאַכט.

און האָב גערופֿן אײך
צום אוונטמאָל צו זיך:
מײַן לאָמפּ ברענט פֿײַערליך
אַ ברײטע איז מײַן קיך.

מײַן טיש איז װײַס־געגרײט
פֿאַר אײך, מײַנע ליבע געסט.
און דאָס געקעכץ איז פֿריש,
שנײט־אָן ברויט און עסט.

ליבע פֿרײַנט, מײַן שטוב
ניט לאָזט הײַנט טרויעריק זײַן.
און לאָזט קײן רגע ניט
די גלעזער שטײן אָן װײַן.

און װען די פֿרײלעכקײט
צעפּראַלן װעט די טיר,
די טיר די אײַזערנע
אין האַרץ בײַ מיר.

דאַן לאָזט מיך ליבע פֿרײַנט,
זיך שטעלן אינדערהױך

אינמיטן פונם טיש
און ריידן קלאָר צו אייך.

נאָר. ליבע פריינט, איר הערט:
מיין אָנגעשכור׳טע פּיין,
וועט אין איר דאָרנקרוין
היינט אונזער קעניגין זיין.

ביז וואַן עס וועט די טיר,
די אייזערנע אין האַרץ
אַ פּראַלטאָן מיטאַמאָל,
און צומאַכן זיך שוואַרץ.

די פלעשער — ליידיקע
און אָפּפאַל פונם טיש,
און מיר — פאַרוואָרפענע
אין לערער פינסטערניש.
אונטער בענק און טיש.

אויסגעלאָשן

און דו וועסט קומען
אין אונזער אָרימקייט וואו מיר וואוינען.
מיר וועלן שטיין פאַר דיר
קליין און געבויגן,
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

ניט דערפאַר
וואָס דו האָסט זיך געזאַמט צו קומען.
ניט דערפאַר וואָס אויף אונזערע פאַרשמאַכטע ליפּן,

אונזער פֿאַרבלוטיקט געבעט,
איז פֿאַרטריקנט אונזער געוויין.
נאָר דערפֿאַר וואָס אויף אונזער טיש,
אויף אונזער ליידיק בעט,
האָט זיך פֿאַרשפּרייט
דער שאָטן פֿון טויט.

דיין וואָרט וועט ליכטיק מאַכן,
אָנצינדן אַן איינציקע מינוט,
נאָר דער שאָטן פֿון טויט
וועט ליגן קאַלט ווי תמיד,
זינט מיר האָבן אָנגעטראָפֿן
דיין נאָמען.
עמיצער האָט אים אַרויסגערעדט
און אויף אונזער טיש, אויף אונזערן נאַקעט בעט,
האָט דורכגעשוועבט אַ ליכט . . .
און זיך אויסגעלאָשן.

אַ קינד

אַ שטומער גייט ער אום אויף זיין פֿאַרוויסטער וועלט,
אַלץ האָט איינגעשטילט שוין אַלץ האָט אויסגעקוועלט.
ערגעץ לעבט זיין באָבע נאָך אין רו זיך שטיל.
אַ קליינע שטאָט, אַ שליאַך אינמיטן גייט אַוועק
ביז צו אַ טייך, אַ באַרג און אַ מיל.

זיין זאָרג איז טויט. אַ לעצטער זילבערל אין טאַש.
אַ טויב אַ וואַרימע—אונטער דעם קאַלטן ראָק — אַ פֿלאַש
ער טרינקט זי אין אַ ווינקל גאַס זיך אויס.

און שטעקט דעם קאָפּ מיט אויגן אָפענע
און ליכטיקע איבער גאַנץ ניו יאָרק אַרוים.

און אין אַ גאַס אַ ווייטע שוואַרץ און ענג,
שפּעט ביינאַכט ביים טירל פון אַ שענק,
אַ פרוי אַ קליינע מיט אַ קינד ביים האַנט
וואָס טוליעט שלעפעריק דאָס קעפּל צו דער וואַנט.

סט. סופי

אַ הילצערן הויז.
ווייטער — נאָך אַ הילצערן הויז.
הויפנס האָלץ ביי די בלינדע ווענט פון די שטיבער,
ווייטער גייט אַוועק אַ ברייטער ווייטער וואַלד,
ביז איצט האָט אַלץ געוואַרימט זיך אין זון און גרין.
און ס'איז געווען גוט און ברייט און הויך.
איצט איז הערבסט.
געלע טעג,
געלע פאַרנאַכטן
ס'קלינגט טריב אין די שויבן.
די בוימער ווערן פולמיט וואַסערדיקן שלאָף,
די עטליכע מענטשן אין הויז אויך.
דער גאַנצער ישוב ווערט אַזויווי שטיינעריק,
און דאָס שמאָלע טייכל אַראָפּ צום נידעריקן פעלד,
ליגט אויך ווי אַ גרויע סקאָלע.
נעכטן האָט די זון געהאַט אַזעלכע טריבע געלע ברעמען.
און די לבנה ווערט אויך דאָ אַזוי בערדיק און האָריק,
אַזויווי קריסטוס אין ראַפּאַעלס הייליקייט.

ביי זייערע טירן

ביי זייערע טירן שפּרייט אויס דער פרימאָרגן
זיין גאָלד און זיין זייד און זיין ליבשאַפט.
אַזויווי דער פרילינג שפּרייט בליאונג און זון און גרין
און בלויען טוי איבער פעלדער,
נאָר זיי זיינען ניטאָ אין דער היים,
פאַררוקט הינטערן ליכט פונם טאָג.
ביי דעם גרויען טויער פון זאָרג
זיצן זיי,
און וויינען אויף גאָלד און אויף ליבשאַפט.

ביי זייערע טירן ליגט אַ וואַרימע זון
אַזויווי אַ הון אַ גאָלדענע.
און זייערע קינדער מיט קליינע פנימלאַך
מיט צאָנק און אומעט אין די אויגלאַך,
מיט קרומע באָרוויסע פיסלאַך,
זיצן אויף דער גאָלדענער זון,
וועלקן אויף דער וואַרימער זון.

ביי זייערע טירן שפּרייט אוונט בלוי-טונקעלן סאַמעט.
און זיי — קומען פאַרטונקלטע, מידע,
פאַלט פון זיי טויטליכע מידקייט
פאַלט פון זיי שטויביקע מאַטקייט
אויפן טונקעלן סאַמעט.
און זייערע קינדער און זייערע פרויען —
דערנער פאַרשטויבטע
וואָס וואַקסן אונטער באַן-רעלצן,
זיצן ביי די שווערע טישן
און דרימלען איין.

צום טויט

פון נויטן
און פון טויטן
און פון הונגער און פון זעט
פלאַטערן געשרייען
און פלאַקערן.

נאָר די טעג,
אויף ווייסע און אויף גרויע און אויף ברוינע פערד,
רייטן דורך די גאַסן,
און הערן זיך נישט צו צו די געשרייען.
און אַלטע לייט,
מיט זילבערן ליכט אין זייערע הערצער,
הערן אויך ניט די געשרייען.
זיי זיצן ביי די אָפענע פענסטער פון זייערע שטיבער,
און קוקן רואיקע אויף דער וועלט אַרויס,
און זעען די טעג דורכרייטן
קעמלען — קאַראַוואַנען אין דער מדבר אריין.
פונווייטן רויכיקט גרוי
דער שאָטן פון די זאַמדיקע פעלדער,
די מדבר האָט אויסגעצויגן אַ לאַנגן דינעם האַלז
צו די קעמלען-קאַראַוואַנען.

פון בלוטן
און פון גלוטן
און פון צער און פון צרעת,
רייסן געשרייען
און רוישן.

נאָר די טעג,
ווי גראָזן שטילע גייען אויף פון דער ערד, שאַרף און גרין.
וואַקסן פון דער בלויער רואיקייט
וואָס גיסט זיך פון דער הויך אַראָפּ.
און ווערן גרינגער, שאַרפער און פול-סמ׳יקער.
און די אַלטע לייט,
מיט שטומער שפּעטקייט אין זייערע צוקאַרבטע שטערנס,
זיצן ביי די אָפענע פענסטער פון זייערע שטיבער,
און קוקן אויף דער גרויסער וועלט אַרויס,
און זעען די טעג איבער דער ערד —
גרין און רייף און שאַרף — פול-סמ׳יקע גראָזן.
און פונם גראָז אַרויס
קלינגען גרילן טרויערלידער צום פאַרנאַכט.

פון בלינדקייט,
און פון זינדיקייט,
פון רויערד און פון רויך,
וואָיען געשרייען
און וויינען.

נאָר די טעג,
ווי לויטערע שטערן אין קאַלטע נאַכטיקע הימלען.
און די אַלטע לייט,
מיט גרויען קאַלטן אַש אויף די פליגלדיקע ברעמען,
גייען אַוועק פון די אָפענע פענסטער,
צו די פינסטערע בעטן,
און לייגן זיך שלאָפן מיטן טויט.

צו די טרויעריקע

טרויעריקע,
און איך צעווישן אייך,
מיט דער שטראָף און מיטן יאָך,
מיט דער צונטערדיקער קרוין אויפן קאָפּ.
ניט פאַרלאָזן זאָלן מיר די פאַרקלאָגטע שוועל.
און ניט אַנטלויפן פונם מזלם מוסרדיקן מויל,
און ניט איינבעטן זיך אין אַ גרינג געצעלט.
נאָענט צום פאַרברענטן האָב.
צום אַש און קויל.

אַז אַ שרפה טוט אַ בוים אויס דאַר,
שטעלט אים גרוי און הויל אונטערן הימל אַוועק,
שטייט ער אין זיין צער,
און איז אַזוי אַליין,
דאַרט ער אין זיין צער.
און איז אַזוי אַליין,
און גייט אינערגעץ ניט אַוועק.

בייטן שטאָט אויף שטאָט,
און קאַלטע הענט פון פריינט,
און פרעמדע טיש און בענק,
צו פאַרגעסן זיך,
צו פאַררוישן זיך,
זאָלט איר ניט.

אין אַלע אָרימקייטן

אין אַלע אָרימקייטן עלטערט זיך די רויע אומגעדולד.
דער אַלטער זיידע מיטן אויסגעקנייטשטן פּנים און ליכטיקער
באָרד.
די באָבע מיטן איינגעפאַלן מויל, מיט ווייכע וואַסערדיקע
אויגן,
דער צוואַנציק־יאָריקער, אַ זון
מיט שטייפקייט, שטאַרקייט אויפן טונקעלן שטערן
אַלע וואַרטן זיי אין רויער אומגעדולד:
ס'וועט אָנקומען אַ טאָג אַ שיינער.
ס'וועט קומען אַ טאָג אַ שיינער.

און זייער קיך,
און זייער ענגער שלאָפצימער.
די וואָך מיט ברעקלאַך כמורנער זאָרג.
אַלץ וועט זיך באַנייען,
און באַשיינען,
מיט ליכט און כבוד.

און נעבן דעם סומנעם פענסטער אין דער טריבער גאַס אַרויס
שפּילט דערווייל דער הינקעדיקער קאַטערינשטשיק.
טאַנצט דערווייל דאָס קליינוואַרג אין וואַכעדיקע קליידלאַך
און סמאַטשקען פענידיקע רויטע צוקערקעס.

גרוי אויף גרוי,
אָרימקייט אויף מידקייט.

אויפן אַלטן טישטוך מיט די ברודיקע פראַנזן
ליגט דאָס שיינע קליינע תהילימל

מיט אַ גאָלדענעם רוקן:
אַ ליכטיקייט.
אַ האָפנונג.

ווינטער

די אומרו פלאַמט און פלאַקערט אויס,
און נאָכדעם קומט די אשיקע רואיקייט.
אין זיין קאַלטער הערבסטיקער קרוין,
גייט אויפן שטילן וועג אַרויס
דער קליינער גלח׳ל — דער פרומער טויט.

דיין ערד ליגט שוין אין שניי
גאָר דיין וועלק ליגט צוגעדעקט.
דיין טראָט, דיין סוד, דיין וויי,
פרעמד און קאַלט און אָפגעמעקט.

עס קלינגט נאָך ווי פון חלום, פון אַ וואָרט אַרויס,
אַן אָנדענק, אַ בלענד, אַ בליץ.
פון אונטער וויסט און חורבן, גליט אַרויס
אין צאַנקענדיקן גאָלד אַ צלם-שפּיץ . . .

נאָר ס׳איז פאַרשנייט, פאַרהילט.
בוימלאַך קליינע
שטייען נאַקעטע צושטעלט —
בלינדע אין אַ ווייסער בלענדיקער וועלט.

שטיבלאַך

דאָס שטיבל פון בעל־שם־טוב אין די קאַרפּאַטן בערג,
דאָס שטיבל פון פּאָ אין די שטיינערדיקע קאָנקורס פון
ניו יאָרק,
און דאָס שטיבל פון לינקאָלן אין די גרינען פון קענטאָקי.
די אַלע קליינע הילצערנע שטיבלאַך
צעוואָרפן איבער טאָל און באַרג
איבער לאַן און פליין
פון גאָר דער וועלט —
אונזערע טעמפּלען.
אונזערע ליידיקע פּוסטע טעמפּלען.
דיכטער, פּאָעטן פון אַלע וועגן וועלט,
איר היימלאָזע הינט אין דער וועלט,
אין דער וויסטער פאַרוואָרלאָזקייט אונזערער,
לאָמיר זיך פאַרקלייבן אין די הייליקע טונקעלע שטיבלאַך
און דאָרטן פראַווען אונזער הייליק געצנדינסט.

רעגן און גאָלדענע בעכערלאַך

מענטשן מיט צעשפּרייטע שוואַרצע פאַראַסאָלן איבער די
קעפּ
גייען שעהן־לאַנג אונטערן רעגן פאַרביי מיין טיר.
אַ שווערער הימל וואָלקנט איבער זייערע קעפּ
נאָר די קליינע מוטנע מענטשן הערן ניט אויף אַרומצוגיין
מיט די שוואַרצע טרויעריקע פאַראַסאָלן איבער די קעפּ.
מיין שכן, פון דער צווייטער וואוינונג קומט אויך צוגיין
מיט זיין פאַרעסאָל,

רופט ער מיך פונוויטנס, כ׳זאָל מיט אים אַריינגיין אין זיין
הויז,
ער האָט אַ גוטן בריוו געקראָגן פון זיין שוועסטער אין
אַרגענטינע,
אַז זי האָט חתונה געמאַכט די ערשטע טאָכטער,
ער פאַרמאַכט דעם פאַרעסאָל
ווייל ער טרינקען וויין פאַר זייער פרייד און גליק.
עעפנט אויף די טיר.
שפרייט זיך אַנטקעגן אונז אַ געשפּרייטער טיש מיט זאַט-
קייט,
זילבערוואַרג און גלאָזוואַרג גלאַנצן אַזוי קלינגענדיק און
יחוס׳דיק,
אפשר נאָך ירושה פון דער עלטער,
וואָס איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען
און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ זאַטן אָנדענק.
וויפיל פריידיקער דויער ס׳קלינגט אַרויס
פון די אַלטמאָדישע גאָלדענע בעכערלאַך,
ווי פון בלומענבעכערלאַך אינדערפרי אין גאָרטן,
ווען דער הימל טיילט טוי.

און מענטשן מיט צעשפּרייטע שוואַרצע פאַרעסאָלן איבער
די קעפּ,
גייען אַלץ נאָך אונטער רעגן פאַרביי די פענסטער.

אויף דער וועלט

הארבע, איינגעשלאָסענע ווערטער
געהיימע, אומהיימליכע ווערטער,
איינגעוואָרצלטע אין שוואַרצן בלוט מיינעם ווי טויט.

נאָר דאָס שווערע שלעכטע שווייגן אייערס,
נאָר די בלינדקייט אייערע,
טרייבט מיך ווען ניט ווען
אַ קוק־טאָן אויף דער וועלט. —

און —
אַלץ איז דאָ אין אייביק־בונטן תמיד.

די קאָלירטע לעמפעלאַך פון יומטוב
צינדן, בלויען און רויטלען זיך,
פייערליך מיט טרוימערישע פייערלאַך . . .

און — מ׳פירט נאָך ווי אַמאָל,
אויף די באַגילדטע און באַזילבערטע פאָנען,
די פלאַטערנדיקע פנימער פון הייליקע.

און מ׳זינגט, מ׳זינגט,
און מ׳גרייט זיך . . .
און עס שנייט און שנייט . . .
און דאָס קלויסטערל אַרויף־אַ־באַרג
ווערט ווייס ווי אַן אַלטיטשקער . . .

אַ מעשה

אַ מענטש,
איז איינמאָל געקומען אַהער,
צו אונז אויף דער וועלט.
האָט ער געשטעלט זיך צו בויען אַ הויז,
האָט ער געבויט און געבויט.
אַ שטיבל אַ קליינס פון ליים.
צוויי קליינע פענסטערלאַך
אַ שמאָלע טיר.
עפנט ער די טיר,
קומט אַריין דער טויט:
— גוטער אוונט.

זעצט זיך נעבן אים,
האַלט זיין דאַרע האַנט
און ער רעדט צו אים:
פון אַ ווייטן לאַנד
פון אַ הויכן באַרג,
פון אַ גרינעם טאָל,

הויבט דער מענטש,
פון זיין אָרט זיך אויף,
גייט אַרויס פון הויז,
און פאַרשליסט די טיר.
און ער גייט,
מיטן טויט ביים האַנט,
און ער גייט אַוועק
אין אַ ווייטן לאַנד,
אויף אַ הויכן באַרג
אין אַ גרינעם טאָל.

אַ ליד

דיין ערד נעמט אַלץ צו צוריק,
פאַרהילט און באַהאַלט און פאַרדעקט.
קומט אַ ווינט און וועקט, און וועקט,
ווײנט און שרײַט,
ברומט און ברילט.

טוט אַ שפּראָץ פאַרן פרילינג דאָס גרין.
טוט אַ פלי אַזוי ליכטיק דער ווינט,
טוט אַ לויף אַזוי פריידיק דער ווינט:
כ'בין אַ קינד, כ'בין אַ קינד,
כ'וויל אַהער, כ'וויל אַהין,
כ'וויל אַהער, כ'וויל אַהין.

טוט אַ פלאַם פאַרן זומער דאָס רויט.
זיסער רויט, שאַרפער, שכור'ער רויט.
און דער ווינט טוט אַ טאַנץ אַזוי גרייט:
ס'איז מײַן רויט, ס'איז מײַן פרייד,
מײַן רויט און מײַן פרייד.

טוט אַ בלענד פאַרן הערבסט דאָס גאָלד,
פעלד און וואַלד — אין אַ וואונדיקן שײַן
בעכער סם, בעכער פלאַם, בעכר ווײַן
און דער ווינט רוישט אין שכור'ן פײַן:
קוש מײַן גאָלד,
טרינק מײַן סם,
טרינק מײַן ווײַן.

נאָר דײַן ערד נעמט אַלץ צוריק
און פאַרהילט און פאַרשטילט און פאַרדעקט.

הינטערגאַס

שוואַרצע מידע ברעגן פון ניו־יאָרק.
אָפּגעלעבטע גאַסן ליגן ביי אַ נאַכטיק וואַסער,
שטיבער מידע שלאָפן איין דאָ פרי אין אָוונט.
איך בין דורכגעגאַנגען, נאָך שווערן טאָג,
זיך אָפּגעשטעלט, און קוק.

פון אַ פינסטערן קאָרידאָר גייט אַרויס אַ קאַץ
שטייט אויפן ערשטן טרעפּ פון בריקל, גייט אַראָפּ.
גייט אַריבער אויף אַ צווייטן בריקל,
אין אַנדער קאָרידאָר אַריין.
אַנטקעגן ליגט אַן אַלט צופאַלן הויז.
אַן אויסגעבוויגענער לאַמטערן סלופּ לייכט־צו . . .

און — מיסט אינמיטן גאַס,
אָרימקייט און אומעטיקייט.
אַלטקייט טריפט ביים ברעג פון שוואַרצן וואַסער.
קיינער גייט ניט פון קיין טיר אַרויס.
אפשר וועט מען קומען שפּעטער ?
שפּעט. פון דער הויכער בלענדיקער בראָדוויי ?

און אפשר איז די גאַס דידאָזיקע,
ביי טאָג ניטאָ גאָר אין ניו יאָרק,
און נאָר ביינאַכט קומט זי אַרויס אין הינטערשטאָט,
שטעלט זיך דאָ אַוועק ביים שוואַרצן וואַסער,

מיט די בלינדע אַלטע שטיבער,
מיט דעם צובויגענעם לאַמטערן־סלופּ ?

זאָל שוין זיין

די קרוין פון ליכט וועט אויפשיינען אין אַ ווייסן קרייז
אַרום דעם קאָפּ פון יעדערן פון אונז, אָ ברידער.
אונזער יומטוב וויגט זיך נאָך אין ווינט פון טרייסט
אונזער פייערליכער אוונט וועבט זיך מינוטנווייז
און שטימונגען פון פאַרגייענדיקע יאָרן.
אָ, ברידער, ברידער.
זאָל שוין זיין דערווייל אַזוי
און זאָל שוין גיין דערווייל אַזוי.
אַלע גלעקער פון די קלויסטערס קלינגען דאָך
פאַר אונזער שפּעטערדיקן יומטוב.
אַלע הייליקייטן אין די טעמפּלען וואַרטן דאָך
פאַר אונזער שפּעטערדיקן יומטוב,
זאָל שוין זיין דערווייל אַזוי,
און זאָל שוין גיין דערווייל אַזוי.
טרויעריק.

די לוין און רו וועט אויפשיינען אין אַ ווייסן זייל
אין די אויגן פון יעדערן פון אונז, אָ, ברידער.
אַז קליין איז אונזער האַנט און קרום איז אונזער טריט,
אַז אונזער אומגליק שפּיגלט בונטע פייערן
אין מויל פון אָפּגרונטן פון וויסטע יאָרן
אָ, ברידער, ברידער,
זאָל שוין זיין דערווייל אַזוי,
און זאָל שוין גיין דערווייל אַזוי

אַלע גלעקער פון די קלויסטערס קלינגען דאָך
פאַר אונזער שפּעטערדיקן יומטוב.
אַלע הייליקייטן אין די טעמפּלען וואַרטן דאָך
פאַר אונזער שפּעטערדיקן יומטוב.
זאָל שוין זיין דערווייל אַזוי.
טרויעריק.

* * *

ס'טריפט מיין וואָרט פאַרהוילן.
ס'איז מיין מויל פאַרשלאָסן.
ביי דיין ברייטן טויער
שטיי איך אָן אַ תּתפילה, —
ב יידיין ברייטן טויער
וואַרט איך אָן פאַרלאַנגען.

צווישן קאַלטע שטערן
אין דער נאַכט דער גרויסער
שווים איך אין מיין שווייגן.
אין מיין שווערסטן שווייגן.

אינהאַלט:

	זייט
ווידמונג	3
I	
אַוועקגעגאַנגען	5
ניט קוקט מיר נאָך	7
אַרויסגעטריבן	8
אַ ליד	9
אין רו	10
ליכטיק	11
אַ ליד	12
אין מיין וויסטעניש	13
ביי מיין טיש	14
איז מיר שווער	15
באַשטראַל	16
ווייס און רויט	17
מיין טויט	18
אונזער באַוואוין	19
פאַרלאָרנקייט	20
טרייסט	21
קיינער ניט	22
אַ בערגל	"
אַזאַ פרייד	23
אַלט	24
זילבער	25
אַ גוטער אוונט	26
ווייסע	27
בוימער וויטיקן	28
זילבערן גראָז	29
פאַרשטיינט	30
אאואיפאוועקן	31
אַלט	32
טייערע	33
איבערשווייגן	"
ווייסע נאַכט	34
צוריק	35

זייט

אין דאָרן	36
בייזוניקע פענסטער	37
אַ ליכט	38
אָ, דו פּשוט וואָרט	"
פון הערבסט	39
טויטן	40
אינדערפרי, קום אַרויס	41
אַוועקגעגאַנגען	42
אין נאַכט	43
אַ גאָלדענער בוך	44
ווינטער	"
מידער חלום	45
ווען	46
זיי האָבן געהערט	47
סאָלידע יאָרן בליען	48
אַליין	49
אַהין	50
אַזאַ מין שבת׳ל	51
אַלץ געהערט	"
דאָ	52
צוריקגעבראַכט זיך	53
קליין	54
אין מיין פאַטערס געשטאַלט	55
וואוהין	56
אינם הויז וואו איך וואוין	57
קראַנק	58
פיין	"
אַרונטער	59
פאַרלאָרנוווערן	60
ווי פון חלום	61
ווילנלאָז	62
זון	63
צום טויער פון אומגליק	64
פון דער ווייט	65
זי שלאָפט	66
פון גרוי	67
טויט	68
אין ווידערקאָל	69
פאַרלעש איך זיך	"
אַ ליד	70

שטאָל 71
אין שטראָף 72
טויטער שאָטן 73
ליכטיק "
אה 74
וויים 75
קראַנק 76
וואו 77
אויפן קראַנקן בערגל 78
אונטער הערבסטיקער לבנה 79
פאַרברענט 80
אַראָפּ "
בו מיין ברודער נחמיה 81
קוים 82
שטיינעריק 83
ווינדזאָר פּאַרק 84
פיר 85
איך האָב געפרעגט 86
שטום "
אין נייער וואוינונג 87
אַ מעשה 88
רופט מיך ניט 89
פאַרגעסן ווערן 90
בלוי 91
לופטיקט מיך 92
מלאך 93
דו 94
גאל 95
פאַריאָג מיך ניט 96
אַ קבר 97
פון איצטער "
מיר וועלן רופן 98
ביים מצבה שטעלן 99
וויים 100
איינגעטויגן 101
באַגעגענען 102

II

סעודה׳ס 103
פאַרגייט 104
פרישע ליפּן 105

זייט

הערסט 106
ביים גרויסן פענסטער 107
אַזוי נײַ 108
אין גרויען שוויגן 109
ביי די לאָמפּן 110
צו וואונדער 111
וועסט טרעפן 112
אינדערפרי 113
זיך אָפּרוען 114
ליכטיקער 115
ערשטער שניי־ווייס ..... "
העלף מיר 116
פולגעלאָדן 117
די נארעלאַך פון מיינע אויגן 118
אונטער כמורנעם הימל 119
אַ ליכטיקע מינוט ביים טיש ..... "
קרבן 120
פרעמדקייט 121
ס'ווערט שיין 122
טו אָן ..... "
סוף זומער 123
ווייט 124
אַ ליד פון בריוו 125
לויטערקייט 126
אונטער שוואַרצער קרוין 127
רוף מיך 128
אַוועקלויפן 129
אין שניי 130
שניי ..... "
פאַר דיר 131
פון אָנהויב 132
צו שבע אוידלשטיין 133
אָפּבאָל ..... "
איבער דיר אַליין 134
אַ יונגע טאָכטער 135
זיבן טעג 137
אַ נאַכט 138
צו שבע אוידלשטיין 139
גופן 140
געהיים 141

זייט

די ליבע מיטן אינגעלע ביים האַנט 142
פון אַ בריוו 143
קהל 144
אָוונט 145
זיי בלייבן ..... "
געל און ווייס 146
פּאַררוקט 147
פרי 148

III

ווייַן 149
וואַרימע אַלטקייט 150
לבנה׳דיק דאָרף 151
וואָרט 152
הערבסטלאַנדשאַפט 153
ווי אַ קאַץ ..... "
פון דאָרף 154
אין קאַלטער זון 155
קאַלטע הויכן ..... "
פון מיר 156
זעק מיט אַש 157
אַ דאָרף 158
מאָרגן 159
פּאַראומערטע 160
אַז אַלטער שכן 161
אַבלדיקער געגנט 162
אין טומאַניקן טאָג 163
זינדיקע 164
טויטער גרוי ..... "
רואין 165
אין ניו יאָרק אויך 166
פּאָלק 167
שלאָף און רעגן ..... "
קומט דער זשאַווער 168
רייפער וועלק 169
אַ הייליקער 170
אין אַ פרייען זומער 171
בערג און נאַכט 172
ווייס און וועלק 173
שפּרייטסט 174

זייט

אָפּאַלן 2-1	175
" 4-3	175
" 6-5	177
קראָען	178
קליין	179
פלאַטערן	180
אין וואָכיקן טאָג	181
אויסגעלאָשן	182
אַ קינד	183
סט. סופי	184
ביי זייערע טירן	185
צום טויט	186
צו די טרויעריקע	188
אין אַלע אָרימקייטן	189
ווינטער	190
שטיבלאַך	191
רעגן און גאָלדענע בעכערלאַך	"
אויף דער וועלט	193
אַ מעשה	194
אַ ליד	195
הינטערגאַס	196
זאָל שוין זיין אַזוי	197
* * *	"